בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פון חִיזוק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

לֶךְ לְךָ

227

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש וויליאמסבורג
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש בארא פארק
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

היכל הקודש ברסלב
בלומינג גראוו
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

היכל הקודש מאנסי
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551


נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
**718-387-2691**
www.BreslevCenter.com


צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

קול
ברסלב
**212-444-9191**

חיזוק פאר די
אידישע שטוב
**212-444-9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אוֹיף וֶועלְכֶע וֶועג זָאל אִיךְ אָנְהוֹיבְּן יֶעצְט צוּ לֶערְנֶען גְּמָרָא?..................א

וִוי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אָנְקוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?..........................................................................ב

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין מִיט מַיין אֵיידֶעם?..................ד

פַארְוָואס פַאל אִיךְ נָאךְ מֶער אַרָאפּ אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג?..................ו

וִוי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אַ שְׁוֶוערְן שָׁכֵן?..................ז

פַארְוָואס דַארְף אִיךְ אַרַיינְנֶעמֶען מַיין טָאכְטֶער וֶוען מַיין אֵיידֶעם פָּארְט קַיין אוּמַאן?..........................................................................ט

מֶעג אִיךְ אוֹיסְזָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע טְשֶׁעפֶּען מִיר?..........................................................................י

זָאל אִיךְ לֶערְנֶען 'עֶרְשְׁטֶע הִילְף' אוֹיבּ וֶועל אִיךְ נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין 'חֶבְרָה הַצָּלָה'?..........................................................................יב

וָואס טוּט אִיךְ אַז מַיין זוּן הָאט זִיךְ צֶעטֵיילְט קוֹים אַ יָאר נָאךְ זַיין חֲתוּנָה?יד

זָאל אִיךְ זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר, אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי מְסוֹרָה אִין אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה?טז

וֶועלְכֶע הֶכְשֵׁרִים קֶען מֶען עֶסְן?..................יח

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

בִּיז וֶוען פַאסְט מֶען צוּם גְּדַלְיָ', וֶוען מֶען קוּמְט אַהֵיים פוּן אוּמַאן?..................א

יוֹם כִּיפּוּר אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע טָאג פוּן יָאר..................ב

זַיי נִישְׁט פַארְ'כִּישׁוּף'ט מִיט דַיין טֶעלֶעפָאן..................ב

דִי רַחְמָנוּת זָאל נִישְׁט חָרוּב מַאכְן אַייֶער לֶעבְן ............................ ג
בְּלַייבּ אִין שְׁטֶעטְל אוּן מַאךְ שֵׁיינֶע הַקָפוֹת ............................ ה
קֶענְסְט נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין צוּ אַ סוּכָּה, אָן דַיין וַוייבּ............................ ו
מֶען דַארְף פַארְשְׁטֵיין דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן לוֹיט דִי תּוֹרָה... ו
זַיי זִיךְ מְקַבֵּל אַרוֹיפְצוּלֵייגְן אַ צוֹים אוֹיף דִי פֶענְסְטֶער............................ ז
אִין דִי בְּרִיוו וֶועסְטוּ זֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין לֶעבְן ............................ ח
אַ גוּטֶע וִויטַאמִין וָואס אַרְבֶּעט וואוּנְדֶערְלִיךְ ............................ ט
אַזוֹי שֵׁיין אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט דִי סְעוּדוֹת אִין אוּמַאן............................ י
הָאסְט מִיר אוּנְטֶערְגֶעקוֹיפְט מִיט דַיין מִשְׁנַיוֹת............................ י
בְּלַייבּ נַאאִיוו, בְּלַייבּ פַּאנַאטִישׁ אוּן בְּלַייבּ תְּמִימוּת'דִיג............................ יא
נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ............................ יב
פַארְעֶנְדִיגְן בֵּיידֶע מִקְוָאוֹת אִין שְׁטֶעטְל............................ יד
נִישְׁטָא וָואס מוֹרָא צוּ הָאבְן ............................ יד
זִיךְ פָארְנֶעמֶען מֶער צוּ אַכְטוּנְג גֶעבְן אוֹיף אַייֶער מַאן ............................ טו
פְּרוּבִיר מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ............................ טז
בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ שַׁבָּת............................ יז
רֶעדְן וֵוייךְ אוּן הַארְצִיג צוּם מַאן............................ יח
אַ קַבָּלָה וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן פוּן דֶעם............................ יח
הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי, דוּ קֶענְסְט נָאךְ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק............................ יט
הָאבּ שֵׂכֶל זִיךְ נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אוּנְטֶערְגֶעבְן ............................ כא

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## אוֹיף וֶועלְכֶע וֶועג זָאל אִיךְ אָנְהוֹיבְּן יֶעצְט צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אוֹיךְ דָאס יָאר בִּין אִיךְ זוֹכֶה צוּצוּגֵיין צוּם שִׂמְחַת תּוֹרָה מִיט אַסאךְ שֵׁיינֶע סִיּוּמִים וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אִין לוֹיף פוּן דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יָאר, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אָבֶּער אִיךְ קוּק זִיךְ צוּ מִיט קִנְאָה צוּ אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אוּן מְסַיֵּים זַיין פִיל מֶער פוּן מִיר. אִיךְ בִּין אַ פַּארְנוּמֶענֶער מֶענְטְשׁ, אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד, אִיךְ לֶערְן מִיט דִי קִינְדֶער אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אִיךְ קוּם אָן נָאר וְוִיפִיל אִיךְ קוּם אָן.

אַזוֹי וִוי דֶעם קוּמֶענְדִיגְן שִׂמְחַת תּוֹרָה הוֹיבְּט זִיךְ בַּיי מִיר אָן דִי פְרִישֶׁע יָאר פוּן לִימוּדִים אוּן שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען בָּרוּךְ הַשֵּׁם מְסַיֵּים צוּ זַיין אֵיינְמָאל שַׁ"ס, וְויל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן שַׁ"ס כְּסִדְרָן אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט, אָדֶער זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ נֶעמֶען אֵיין מַסֶּכְתָּא אוּן עֶס אִיבֶּערְגֵיין הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל?

אִיךְ מוּז זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער אוּן אִיךְ גֵיי נָאכְאַלְץ אַרִיבֶּער פִילֶע שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אִין לֶעבְּן, אוּן נָאר אִין זְכוּת פוּן דִי שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן וַוייטֶער אָנְגֵיין.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' הַאֲזִינוּ, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

קוּק נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע, זַיי נִישְׁט מְקַנֵא אַנְדֶערֶע; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה ' 'סוֹפְרִים' נָאר (בָּבָא בַּתְרָא כא.): "קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה 'חָכְמָה'"; אַז מֶען זֶעט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וְוי עֶר אִיז פְלַייסִיג אִין זַיין זַאךְ - תַּרְבֶּה חָכְמָה, נִישְׁט יֶענֶעם נָאכְמַאכְן, נָאר תַּרְבֶּה חָכְמָה; עֶס דַארְף מִיר גֶעבְּן אַ שְׁטוּפּ אִיךְ זָאל בַּאקוּמֶען אַ פְרִישְׁקֵייט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין מַיין נְקוּדָה.

בְּנוֹגֵעַ דַיין שְׁאֵלָה, אָדֶער אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען נָאכְאַמָאל שַׁ"ס כְּסִדְרָן אוּן עֶנְדִיגְן אַ צְוֵוייטֶע מָאל אָדֶער נֶעמֶען אֵיין מַסֶכְתָּא אוּן דָאס אִיבֶּער חַזֶר'ן הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל; טוּ בֵּיידֶע, הָאבּ אַ שִׁיעוּר אִין שַׁ"ס כְּסִדְרָן אוּן אוֹיךְ נֶעם אַ מַסֶכְתָּא אוּן גֵיי דָאס אִיבֶּער מֵאָה פְּעָמִים וְאֶחָד, וֶועסְט זֶען אַז עֶס אִיז דָא צַייטְן וָואס דָאס צִיט מֶער אוּן צַייטְן וָואס דִי אַנְדֶערֶע וֶועג צִיט מֶער; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן אַלֶע וֶועגְן אִין לֶערְנֶען אַז אִין יֶעדֶע צַייט אוּן אִין יֶעדֶע מַצָב זָאל עֶר הָאבְּן אַ וֶועג וְוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער; הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע עֲבוֹדָה וָואס אִיז נָאר שַׁיָיךְ, נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וְוי לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער אוּן אַריינְשַׁיינֶען אִין זֵיי אַ לִיבְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ חֲתִימָה טוֹבָה.

...

**וְוי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אָנְקוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט דַארְף אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן יָאר, וָואס הָאט מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיר, מַיין מִשְׁפָּחָה אוּן מַיינֶע יְדִידִים, דֶער

אײבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן פַּאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א כֹּחַ און מֹחַ צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פַּאר לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵוי אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶועֶן צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גָאר שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת און אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְקוּמֶען, און סְפֶּעצִיעֶל אַז אִיךְ הֶער פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים אַז אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין אוּמַאן אִיז גֶעוֶועֶן אַזַא דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט און גֶעשְׁמַאק, און אִיךְ הָאבּ דָאס אַלֶעס פַארְפַּאסְט.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַ וָוארְט פוּן אֵיינֶעם: "וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעשִׁיקְט קַיין אַיינְלַאדֶענוּנְג צוּ קוּמֶען", און דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, פַארְוָואס טַאקֶע הָאבּ אִיךְ נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין אַיינְלַאדֶענוּנְג פוּנֶעם רֶבִּי'ן?

אִיךְ ווִיל ווִיסְן וֶוער עֶס הָאט גֶעזָאגְט דֶעם גֶעדַאנְק, וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם, וֶועמֶען לַאדֶענְט מֶען יָא און וֶועמֶען לַאדֶענְט מֶען נִישְׁט? און דִי וֶועלְכֶע מֶען לַאדֶענְט נִישְׁט, אִיז דָאס ווַייל זֵיי זֶענֶען נִישְׁט רָאוּי פַאר דֶעם, אָדֶער שִׁיקְט מֶען פַאר יֶעדְן אַן אַיינְלַאדֶענוּנְג, נָאר דִי מְנִיעוֹת הָאבְּן עֶס אָפְּגֶעהַאלְטְן פוּן אָנְקוּמֶען צוּם מֶענְטְשׁ? אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ בִּלְבּוּלִים פוּן דֶעם.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ הַאֲזִינוּ, ז׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

צֶעבְּרֶעךְ זִיךְ נִישְׁט פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט טַאקֶע גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז יֶעדֶער אֵיינֶער מוּז קוּמֶען (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג), דָאס מֵיינְט אָבֶּער נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען זָאל זַיין בְּעַצְבוּת וּבְצַעַר; דֶער זֶעלְבֶּער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", דֶער זֶעלְבֶּער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז אַז מִיר דַארְפְן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ זַיין פְרֵייליךְ.

וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ. וֶוען דוּ הֶערְסְט אַ שִׂיחָה זָאלְסְטוּ קוּקְן וָואס דוּ נֶעמְסְט אַרוֹיס פוּן דִי שִׂיחָה; אִיז דֶער שִׂיחָה דִיר מְחַזֵק - אִיז גוּט, און אַז דִי שִׂיחָה צֶעבְּרֶעכְט דִיר - זָאלְסְטוּ יֶענֶעם זָאגְן דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי נְשָׁמָה וָואס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן הִימְל אִים

**צֶעבְּרֶעכְן** (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן צא): **"לֶךְ לְךָ", גֵיי אַוֶועק פוּן מִיר, גֵיי אַוֶועק פוּן מִיר, "הָיִיתִי סוֹבֵר שֶׁתְּנַחֲמוּ אוֹתִי וּתְדַבְּרוּ עַל לִבִּי", אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט בִּיסְט מִיר גֶעקוּמֶען מְחַזֵּק זַיין, "עַכְשָׁו אַתֶּם עוֹשִׂים לִי יִסּוּרִים", יֶעצְט וֶוען אִיךְ זֶע בִּיסְט מִיר גֶעקוּמֶען צֶעבְּרֶעכְן, "לְכוּ לָכֶם", גֵיי אַוֶועק פוּן מִיר, גֵיי אַוֶועק פוּן מִיר.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ חֲתִימָה טוֹבָה.**

...

**ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין מִיט מַיין אֵיידֶעם?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתוּנָה גֶעמַאכְט מַיין עֶלְטְסְטֶע טָאכְטֶער פַאר אַפָּאר יָאר צוּרִיק אוּן זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אַ קִינְד בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוֹיךְ אִיז מַיין אֵיידֶעם זֵייעֶר גוּט צוּ מַיין טָאכְטֶער אוּן עֶר הֶעלְפְט אִיר וֶוען עֶר קֶען.

אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז מַיין אֵיידֶעם גְלַייכְט נִישְׁט צוּ רֶעדְן צוּ מִיר; צוּ מַיין וַוייבּ קֶען עֶר רֶעדְן צְוֵויי שָׁעָה אִין אַ צִי, אָבֶּער וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים עֶנְדִיגְט עֶר דִי שְׁמוּעֶס אִין אַפָּאר מִינוּט אוּן עֶר גֵייט אַוֶועק. אוֹיךְ וֶוען מֶען קוּמְט צוּ שְׂמְחוֹת פְּרוּבִּירְט עֶר צוּ שְׁטֵיין וַוייט פוּן מִיר, אוֹיךְ בַּיי דִי שַׁבָּת סְעוּדוֹת אִיז עֶר נִישְׁט בַּאקְוֶועם אִין מַיין הוֹיז, עֶר פַארְגִינְט מִיר קוֹים אַ הַאלְבֶּע שְׁמֵייכְל פוּן מָאל צוּ מָאל, עֶר אִיז נִישְׁט בַּאקְוֶועם וֶוען אִיךְ הֵייבּ אוֹיף זַיין בֶּעבִּי אוּן עֶר הָאט נִישְׁט לִיבּ וֶוען אִיךְ רוּף אִים.

אִיךְ זֶע נִישְׁט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן שְׁלֶעכְט; אִיךְ הָאבּ אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזָאגְט וָואס צוּ טוּן, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעמִישְׁט אִין זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן אוּן אִיךְ הָאבּ אִים אַלְץ גֶעהָאלְפְן, סַיי מִיט גֶעלְט אָדֶער וָואס מֶעגְלִיךְ, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ רֶעד אֶפְשָׁר צוּ שַׁיין צוּ אִים אוּן עֶר הָאט עֶס נִישְׁט לִיבּ, אָדֶער אֶפְשָׁר אִיז נָארְמַאל אַז אַן אֵיידֶעם שְׁטֵייט וַוייט פוּן זַיין שְׁוֶוער? אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל יָארְן גֶעוַוארְט צוּ הָאבְּן אַן אֵיידֶעם, אָבֶּער עֶס טוּט מִיר וֵויי אַז אִיךְ פַארְשְׁטֵיי זִיךְ נִישְׁט מִיט אִים, אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּן אַן עֵצָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ הַאֲזִינוּ, ח׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ אַז דֶער אֵיידֶעם שֶׁעמְט זִיךְ פוּנֶעם שְׁוֶוער אוּן פִירְט זִיךְ צוּרִיק גֶעצוֹיגְן נֶעבְּן דֶעם שְׁוֶוער.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין טָאכְטֶער אִיז צוּפְרִידְן, עֶר הֶעלְפְּט אִיר אוּן אִיז אִיר גֶעטְרֵיי; וָואס נָאךְ דַארְפְסְטוּ? וָואס מֶער דַארְפְן עֶלְטֶערְן ווִי נַחַת בַּיי דִי קִינְדֶער?

אֵיין זַאךְ וָואס אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, וָואס מֵיינְסְטוּ צוּ זָאגְן אַז דוּ הָאסְט אַזוֹיפִיל יָאר גֶעוַוארְט צוּ הָאבְּן אַן אֵיידֶעם? וָואס דַארְף מֶען אַן אֵיידֶעם? וָואס אִיז דָא צוּ טוּן מִיט אַן אֵיידֶעם?! לָאז אִים לֶעבְּן מִיט דַיין טָאכְטֶער; אַז דַיין טָאכְטֶער אִיז צוּפְרִידְן וָואס נָאךְ דַארְפְסְטוּ? אַז עֶר ווִיל שְׁמוּעֶסְן מִיט דִיר אִיז גוּט אוּן אַז נִישְׁט אִיז נָאךְ בֶּעסֶער; וֶועט עֶר אַהֵיים גֵיין שְׁמוּעֶסְן מִיט דַיין טָאכְטֶער אוּן בּוֹיעֶן זַיין שְׁטוּבּ.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה, דִי עֵצָה וָואס מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט; מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוּן אִים דַאנְקֶען אוֹיף אַלֶעס.

גֵיי יֶעצְט אִין אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ, זֶעץ זִיךְ אַוֶועק אוּן זָאג: ״אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר מַיין לֶעבְּן, פַאר מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, פַאר מַיין חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ״, - וֶועסְטוּ שׁוֹין גָארְנִישְׁט דַארְפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## פַארְוָואס פַאל אִיךְ נָאךְ מֶער אַרָאפּ אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט יֶעצְט אַזוֹי סַאךְ פוּן תְּשׁוּבָה, אוּן אִיךְ וֶועל זָאגְן דֶעם אֱמֶת אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט אַ וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה וָואס מֶען קֶען טוּן, מֶען מוּז נִישְׁט קַייעֶן שְׁטֵיינֶער, מֶען זָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען ווִיל זַיין גוּט.

אִיךְ ווֵייס אָבֶּער נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַרִיבֶּער, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען בַּיי מִיר "עֲשֶׂרֶת יְמֵי עֲבֵירָה", אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַזַא פֵייעֶר אִין מִיר, דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין מִיר, אוּן אִיךְ טוּ צֶעדְרֵייטֶע זַאכְן. וָואס גֵייט פָאר מִיט מִיר? אִיךְ צִיטֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁרַייבְּן אַ שְׁלֶעכְטֶע יָאר.

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז אֶפְשָׁר וֶועגְן דֶעם הֵייסְט עֶס "עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה" ווַייל מֶען הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן אוּן זִינְדִיגְן, הָאט מֶען נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה, נָאר מֶען מוּז זָאגְן אַ גַאנְצְן טָאג: "בַּאשֶׁעפֶער, מֵיינְסְט אִיךְ ווִיל זִינְדִיגְן?"

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ אוּן קַיין מֹחַ, אֶפְשָׁר דָאס אִיז פְּשַׁט ווַייל מֶען הַאלְט אִין אֵיין תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן דֶערְצִיטֶערְט אַז פּוּנְקְט אִין דִי טֶעג וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ וֶועל מִיךְ צוּרִיקְקֶערְן אוּן אוֹיפְהֶערְן טוּן שְׁלֶעכְטְס, דַוְקָא אִין דִי טֶעג וֶוען אֲפִילוּ דִי מַלְאָכִים צִיטֶערְן, טוּ אִיךְ אַזוֹיפִיל עֲבֵירוֹת. וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ הַאֲזִינוּ, ח׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן דִי וֶוערְטֶער וָואס דוּ זָאגְסְט: ״עֲשֶׂרֶת יְמֵי ...״; דָאס אִיז לֵיצָנוּת גֶעמַאכְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְבָמוֹת מט:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְשַׁעְיָה נה, ו): ״דִּרְשׁוּ ה׳ בְּהִמָּצְאוֹ, קְרָאֻהוּ בִּהְיוֹתוֹ קָרוֹב״, ׳אָמַר רַב נַחְמָן אָמַר רַבָּה בַּר אֲבוּהָ, אֵלּוּ עֲשָׂרָה יָמִים שֶׁבֵּין רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְיוֹם הַכִּפּוּרִים׳, דִי צֶען טֶעג צְווִישְׁן רֹאשׁ הַשָּׁנָה

און יוֹם כִּפּוּרִים אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, מֶען זָאל אָפְּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

טוּ תְּשׁוּבָה; אַז דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין. אַ גַאנְץ יָאר קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער יֶעצְט, אִין דִי צַייט צְוִוישְׁן רֹאשׁ הַשָּׁנָה און יוֹם כִּפּוּרִים - אִיז טֶעג פוּן רַחֲמִים, אַזוֹי וִוי דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק ב' מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה ו): אַף עַל פִּי שֶׁהַתְּשׁוּבָה וְהַצְּעָקָה יָפָה לָעוֹלָם, בַּעֲשָׂרָה הַיָּמִים שֶׁבֵּין רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְיוֹם הַכִּפּוּרִים הִיא יָפָה בְּיוֹתֵר וּמִתְקַבֶּלֶת הִיא מִיָּד, שֶׁנֶּאֱמַר (יְשַׁעְיָה נה, ו): "דִּרְשׁוּ ה' בְּהִמָּצְאוֹ, קְרָאֻהוּ בִּהְיוֹתוֹ קָרוֹב", אִין אַלֶע צַייטְן קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער אִין דִי צֶען טֶעג וֶוערְט דִי תְּשׁוּבָה גְלַייךְ אָנְגֶענוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ חֲתִימָה טוֹבָה.

...

### ווִי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אַ שְׁוֶוערְן שָׁכֵן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אַן עֵצָה פַאר אַ פְּרָאבְּלֶעם וָואס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק. אִיךְ הָאבּ גֶעקוֹיפְט אַ דִירָה און מַיין שָׁכֵן אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶער מֶענְטְשׁ, עֶר גֶעבְּט זִיךְ נִישְׁט אָפּ מִיט דִי הָאלְוֶועי, עֶס אִיז אַלְץ אָנְגֶעלֵייגְט מִיט שְׁמוּץ און אִיךְ דַארְף עֶס כְּסֵדֶר אוֹיפְרוֹימֶען, אוֹיךְ יֶעדֶע הוֹצָאָה וָואס מֶען דַארְף זִיךְ צֶעטֵיילְן גְלַייךְ אוֹיף גְלַייךְ, דְרֵייט עֶר זִיךְ אַרוֹיס און אַלֶעס פַאלְט אוֹיף מִיר, אוֹיךְ מַאכְן זַיינֶע קִינְדֶער כְּסֵדֶר קוֹלוֹת שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט אִין דִי הָאלְוֶועי און מֶען קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן.

אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין גֶעוָוארְנְט אַז אוֹיב עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט צוּשְׁטֶעלְן וֶועל אִיךְ אִים רוּפְן צוּ דִין תּוֹרָה, אָבֶּער עֶר מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג; ווִי אַזוֹי זָאל אִיךְ זִיךְ אוּמְגֵיין מִיט אִים?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ הַאֲזִינוּ, ח׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיבּ אִיז דָאס אַ סִכְסוּךְ פוּן גֶעלְט - זָאלְסְטוּ גֵיין מִיט אִים צוּ אַ רָב אוּן דֶער רָב וֶועט פַּסְקְ׳נֶען אַזוֹי ווִי דִי תּוֹרָה זָאגְט.

אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַאכְן, דִי ווִילְדְקֵייט פוּן דִי קִינְדֶער אוּן דִי נִישְׁט צַאמְגֶענוּמֶענְקֵייט וְכוּ׳ וְכוּ׳ - דָאס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע גֶעשֶׁעפְט; וָואס קֶענְסְטוּ טוּן? אוּן וָואס קֶען דֶער שָׁכֵן טוּן? וָואס קֶענֶען עֶלְטֶערְן טוּן אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זֶענֶען מֶער לֶעבֶּעדִיג אוּן מֶער צֶעפְלוֹיגְן? הָאסְט צְוֵויי בְּרֵירוֹת, אָדֶער זִיךְ אוֹיפְעֶסְן דָאס גֶעזוּנְט דַיין גַאנְץ לֶעבְן, אָדֶער קוּקְן אוֹיף דִי גוּטְס פוּן זֵיי אוּן זֵיי לִיבּ הָאבְן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן עֶנְק; אַז עֶס אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן דִי שְׁכֵנִים - פַאלְן אַוֶועק כִּמְעַט אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, וַוייל שְׁכֵנִים מוּזְן זִיךְ לִיבּ הָאבְן, אַז נִישְׁט אִיז נִישְׁט וֶוערְד דִי גַאנְצֶע הוֹיז; עֶס אִיז נִישְׁט וֶוערְד גָארְנִישְׁט אִין לֶעבְן וֶוען מֶען וואוֹינְט מִיט שְׁכֵנִים וָואס קְרִיגְן זִיךְ. עֶס זֶענֶען דָא גְּבִירִים וָואס הָאבְן זִיךְ גֶעבּוֹיט פַּאלַאצְן אוּן זֵיי זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אִין מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן עַצְבוּת וֶועגְן דֶעם שָׁכֵן אוּן יֶענֶעם שָׁכֵן, וֶוען עֶס הָאט בֶּאֱמֶת גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט דִי שְׁכֵנִים; עֶס אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס וָואס ווִיל נִישְׁט אַיינְבֵּייגְן דֶעם קָאפּ אוּן אַנֶערְקֶענֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר אִיז אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אָן אִים.

טְרָאג יֶעצְט אַרִיבֶּער אַ שֵׁיינֶעם קֶעיק פַאר דַיינֶע שְׁכֵנִים אוּן שְׁרַייבּ אַפָּאר שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער: ״לְכָבוֹד אוּנְזֶערֶע בֶּעסְטֶע שְׁכֵנִים ...״, וֶועסְטוּ זֶען פְּלוּצְלוּנְג אַז עֶס וֶועט דִיר מֶער נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי גֶערוּדֶער אוּן עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי אַנְדֶערֶע זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## פַארְוָואס דַארְף אִיךְ אַרַיינְנֶעמֶען מַיין טָאכְטֶער וֶוען מַיין אֵיידֶעם פָּארְט קַיין אוּמַאן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין אֵיידֶעם אִיז לֶעצְטְנְס נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּ בְּרֶסְלֶב, עֶר הֶערְט אוֹיס אַיְיעֶרֶע שִׁיעוּרִים, אוּן עֶר אִיז גֶעפָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן.

דָאס וָואלְט מִיר נִישְׁט אַזוֹי גֶעשְׁטֶערְט, אָבֶער וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג אַז וַוייל עֶר פָּארְט קַיין אוּמַאן דַארְף אִיךְ אַרַיינְנֶעמֶען מַיין טָאכְטֶער אוֹיף יוֹם טוֹב צוּ מִיר? זֵיי הָאבְּן קַיין עַיִן הָרָע אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער!

שְׁפֶּעטֶער הָאב אִיךְ גֶעזֶען אַ בְּרִיוו פוּן אַייךְ וְוי אִיר שְׁרַייבְּט פַאר אֵיינֶעם: "פַארְשַׁאף פַאר דַיין וַוייב אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ זַיין אוֹיף יוֹם טוֹב", וָואס הֵייסְט "פַארְשַׁאף"? אִיךְ בִּין דֶער וָואס וֶוערְט פַארְשַׁאפְט, אוֹיף וֶועמֶענְ'ס חֶשְׁבּוֹן זָאגְט אִיר דָאס אַז מֶען זָאל זִיךְ אָנְלֶייגְן אוֹיף מִיר אוֹיף יוֹם טוֹב?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' הַאֲזִינוּ, ח' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קוֹדֶם מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן אַז דוּ בִּיסְט אַ גוּטֶער שְׁוֶוער, דוּ קְרִיגְסְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין אֵיידֶעם, עֶס שְׁטֶערְט דִיר נִישְׁט אַז עֶר פָּארְט קַיין אוּמַאן, דָאס וַוייזְט אַז דוּ בִּיסְט אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ; וְויפִיל מֶען הֶערְט פוּן אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן צוּ טוּן מִיט זֵייעֶר שְׁוֶוער וֶוען זֵיי פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן, וְוי דִי שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער הֶעצְן אָן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה קֶעגְן זֵייעֶר אֵיידֶעם, בִּיז עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיט אַ גֶט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

יֶעצְט צוּ דַיין פְרַאגֶע, וָואס דוּ בְּרוֹיזְט אוֹיף מִיר אַז אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשִׁיקְט דַיין טָאכְטֶער וְכוּ'; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוער דוּ בִּיסְט און וֶוער דַיין אֵיידֶעם אִיז, אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער אַרַיין צוּ נֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער אִין אֵיינִיקְלֶעךְ אוֹיף יוֹם טוֹב - דַארְפְסְטוּ דָאס זֵיי זָאגְן. עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג וֶוען דִי חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער קוּמֶען מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, זֵיי לֵייגְן זִיךְ אָן אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן - זֵיי צוּ זָאגְן קְלָאר וֶוען יָא צוּ קוּמֶען און וֶוען נִישְׁט צוּ קוּמֶען. אוֹיבּ מֶען קֶען אַרַיינְנֶעמֶען דִי קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ אוֹיף אַ שַׁבָּת אָדֶער אוֹיף אַ יוֹם טוֹב, מֶען הָאט דִי כֹּחוֹת צוּ קָאכְן, בַּאקְן און רוֹימֶען - אִיז זֵייעֶר שֵׁיין זֵיי צוּ לַאדֶענֶען אוֹיף שַׁבָּת און יוֹם טוֹב, און אַז מֶען זֶעט אַז מֶען אִיז נִישְׁט בַּיי דִי כֹּחוֹת - דַארְף מֶען זֵיי גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען זִיךְ אַרַיין פַּאקְן מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

קוּמֶענְדִיגֶע יָאר זָאלְסְטוּ מַסְבִּיר זַיין פַּאר דַיין אֵיידֶעם אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער פַּאר דִיר און דַיין וַוייבּ אַרַיין צוּ נֶעמֶען דַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער אוֹיף יוֹם טוֹב, עֶר זָאל אִיר פַארְשַׁאפְן אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## מֶעג אִיךְ אוֹיסְזָאגְן פַּאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וָועלְכֶע טְשֶׁעפֶּען מִיר?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כֹּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַּאר דִי טֶעגְלִיכֶע חִיזוּק און דִי בְּרִיוְון, עֶס הָאט מִיר אַסַאךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶועגְן מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת און רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶען כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ. וֶוען אִיךְ רֶעד זִיךְ אוֹיס פַּאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן זַאכְן וָואס הָאט צוּטוּן מִיט אַן אַנְדֶערְן מֶענְטְשׁ וָואס הָאט מִיר מְצַעֵר גֶעוֶוען, שְׁפִּיר אִיךְ ווִי אִיךְ הָאבּ יֶענֶעם בַּארֶעדְט

פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהֶערְט אַז עֶס קֶען בְּרֶענְגֶען אַ קִטְרוּג חַס וְשָׁלוֹם. וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' הַאֲזִינוּ, ח' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ פְרֶעגְסְט זֵייעֶר גוּט, אֵיינֶער הָאט שׁוֹין גֶעפְרֶעגְט דִי שְׁאֵלָה פַאר פוּפְצִיג יָאר צוּרִיק פוּן מוֹהֲרָא"שׁ. קוּק אִין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת אֲשֶׁר בַּנַּחַל (אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק יג, מִכְתָּב א' תשמה, א' פַּרְשַׁת בֹּא שְׁנַת תשל"ה): "וְהִנֵּה אוֹדוֹת שְׁאֵלָתְךָ, שֶׁהֲרֵי אָמְרוּ חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת נה:) 'הַמּוֹסֵר דִּין לַשָּׁמַיִם הוּא בֵּין הַדְּבָרִים שֶׁמַּזְכִּירִים עֲווֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם'", אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וָואס דוּ פְרֶעגְסְט, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן דָאךְ (שָׁם): "שְׁלֹשָׁה דְבָרִים מַזְכִּירִים עֲוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם", וֶוער עֶס טוּט דִי דְרֵיי זַאכְן זוֹכְט מֶען נָאךְ אִין הִימְל דִי עֲבֵירוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן אִיז: "מוֹסֵר דִּין עַל חֲבֵירוֹ לַשָּׁמַיִם", וֶוער עֶס בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל בַּאשְׁטְרָאפְן זַיין חַבֵר וָואס קְרִיגְט זִיךְ מִיט אִים, מִיט דֶעם מַאכְט עֶר זִיךְ אַלֵיינְס שְׁלֶעכְט, מֶען נֶעמְט אַפִּיר זַיינֶע עֲבֵירוֹת, "וְאִם כֵּן לְעִנְיַן הִתְבּוֹדְדוּת וְשִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, שֶׁצְּרִיכִים לְסַפֵּר הַכֹּל לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת, מַה שֶּׁעוֹבֵר עָלָיו, בְּכָל מְאֹרָע וְכוּ'", אוֹיבּ אַזוֹי, וִויאַזוֹי קֶען מֶען אַלֶעס דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִים בֶּעטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ? "וְאִם כֵּן אֵיךְ יְכוֹלִים לְסַפֵּר בִּפְרָטִיּוּת שֶׁחֲבֵרִי זֶה מְצַעֵר אוֹתִי, וְגוֹרֵם לִי מַה שֶּׁגּוֹרֵם וְכוּ', הֲלֹא הוּא בִּכְלַל מוֹסֵר דִּין עַל חֲבֵירוֹ?" ווִי אַזוֹי קֶען מֶען דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער פוּנֶעם חַבֵר, אַלֶע צָרוֹת און שְׁלֶעכְטְס, מֶען וֶוערְט דָאךְ אַ מוֹסֵר דִּין לַשָּׁמַיִם?

"וְיֵשׁ לוֹמַר, שֶׁהֵן אֱמֶת שֶׁהִתְבּוֹדְדוּת צְרִיכָה לִהְיוֹת בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, כַּאֲשֶׁר יְדַבֵּר אִישׁ עִם רֵעֵהוּ, וּלְסַפֵּר לְפָנָיו אֶת כָּל צָרוֹתָיו וּמְאוֹרְעוֹתָיו", נָאר מֶען דַארְף טַאקֶע דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער און רֶעדְן צוּ אִים אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְט, "אַךְ כְּמוֹ שֶׁאָסוּר לְסַפֵּר

לַחֲבֵרוֹ שֵׁם הַמְּצַעֵר אוֹתוֹ, כִּי הוּא בִּכְלַל לָשׁוֹן הָרָע, רַק מְסַפְּרִים בְּדֶרֶךְ כְּלָלִיּוּת, שֶׁעוֹבֵר עָלַי מֵאֲנָשִׁים מַה שֶּׁעוֹבֵר וְכוּ׳״, אָבֶער מֶען דַארְף וִויסְן, אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען דֶערְצֵיילְט פַּאר אַ חַבֵר וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער טָאר מֶען נִישְׁט יֶענֶעם זָאגְן דֶעם נָאמֶען פוּן וֶוער עֶס מַאכְט דִי צַעַר, וַוייל עֶס אִיז בִּכְלַל לָשׁוֹן הָרָע, נָאר מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיטְ׳ן חַבֵר פוּן דִי צַעַר, נִישְׁט וֶוער עֶס מַאכְט עֶס, ״כְּמוֹ כֵּן צְרִיכִים לְדַבֵּר עִמּוֹ יִתְבָּרַךְ, וּלְפָרֵשׁ כָּל שִׂיחָתוֹ וְכָל אֲשֶׁר עִם לְבָבוֹ, וְכָל הַיִּסּוּרִים שֶׁיֵּשׁ לוֹ בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת״, אַזוֹי דַארְף מֶען שְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶע צָרוֹת אוּן יְסוּרִים וָואס מֶען לַיידְט, ״אַךְ לֹא לְהַזְכִּיר אֶת שֵׁם הַמְּצַעֵר אוֹתוֹ וְכוּ׳״, אוּן נִישְׁט דֶערְמַאנֶען דֶעם נָאמֶען פוּן דֶער וָואס מַאכְט דִי צַעַר.

מוֹהֲרָא״שׁ פִּירְט אוֹיס, וְהָעִקָּר דַארְף מֶען זָאגְן פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, חֲטָאַי הַמְּרֻבִּים מְצַעֲרִים אוֹתִי וּמְקַפְּחִים פַּרְנָסָתִי״, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מַיינֶע עֲבֵירוֹת זֶענֶען מִיךְ מְצַעֵר, צוּלִיבּ מַיינֶע זִינְד הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, ״אָנָּא ה׳, רַחֵם עָלַי וּמְחוֹל לִי בְּאוֹפֶן שֶׁיִּתְבַּטְּלוּ הַמְּצַעֲרִים״, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, זַיי מִיר מוֹחֵל, אַזוֹי וֶועלְן אַלֶע מַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אַוֶועק גֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## זָאל אִיךְ לֶערְנֶען ׳עֶרְשְׁטֶע הִילְף׳ אוֹיבּ וֶועל אִיךְ נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין ׳חֶבְרָה הַצָּלָה׳?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מִיט מַיינֶע חֲבֵרִים הֶערְן אוֹיס צוּזַאמֶען דִי שִׁיעוּר יֶעדְן דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט, אֵיינְמָאל הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט בַּיי אַ שִׁיעוּר וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט וֶועגְן דִי גְרוֹיסְקֵייט צוּ זַיין אַן הַצָּלָה מֶעמְבֶּער, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ מִיט בִּיטֶערְנִישׁ אַז אִיךְ בִּין זִיךְ דָאךְ

גֶעגַאנְגֶען לֶערְנֶען צוּ וֶוערְן אַן הַצָּלָה מֶעמְבֶּער ווייל אִיךְ וויל הֶעלְפְן אִידְן, עֶס הָאט מִיר גֶענוּמֶען אַ לַאנְגֶע צַייט אוּן אַסַאךְ כֹּחַ, אוּן יֶעצְט וֶוען אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דִי לֵייסֶענְס וויל מִיךְ דִי הַצָּלָה נִישְׁט אַריינְנֶעמֶען, וויפִיל מָאל אִיךְ פְּרוּבִיר קוּמֶען זֵיי יֶעדֶעס מָאל מִיט אַן אַנְדֶערֶע תֵּירוּץ.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס אַ אִינְגֶערְמַאן זָאל זִיךְ וֶועלְן גֵיין לֶערְנֶען אוּן אַוֶועקְגֶעבְּן פוּן זַיין טֵייעֶרֶע צַייט, אוֹיבּ עֶר ווייסְט נִישְׁט צִי דִי הַצָּלָה וֶועט אִים בִּכְלַל אָנְנֶעמֶען.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ הַאֲזִינוּ, ט׳ תִּשְׁרֵי, עֶרֶב יוֹם הַכִּפּוּרִים, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַן "הַצָּלָה מַאן"; אַז מֶען רַאטֶעוֶועט אֲפִילוּ נָאר אֵיין מֶענְטְשׁ אֵיין מָאל אִין לֶעבְן - אִיז אַזוֹי וִוי מֶען רַאטֶעוֶועט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין לז.): "כָּל הַמְקַיֵּם נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל, מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִילוּ קִיֵּם עוֹלָם מָלֵא", וֶוער עֶס רַאטֶעוֶועט אֵיין מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶערַאטֶעוֶועט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

מוֹהֲרָא"ש הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דִי מֶענְטְשְׁן פוּן חֶבְרָה הַצָּלָה, עֶר הָאט גֶעמַאכְט אִין יַבְנְאֵל זָאלְן זַיין לְכָל הַפָּחוֹת זֶעקְס אוּן דְרַייסִיג מֶעמְבֶּערְס, עֶר הָאט זֵיי גֶערוּפְן ׳ל"ו צַדִּיקִים׳; מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט: "מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען נָאר בִּזְכוּת דִי אִינְגֶעלַייט וָואס לוֹיפְן רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן טוּעֶן חֶסֶד מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער", אוּן אִיךְ בִּין אוֹיךְ זֵייעֶר מְעוֹדֵד מַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן זִיךְ לֶערְנֶען דִי פַאךְ וִוי אַזוֹי צוּ רַאטֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן.

מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין אַ חֵלֶק פוּן חֶבְרָה הַצָּלָה צוּ רַאטֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן; אַז מֶען לֶערְנְט זִיךְ צוּ קֶענֶען רַאטֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן - וֶועט זִיכֶער אוֹיסְקוּמֶען אַז מֶען וֶועט רַאטֶעוֶוען מֶענְטְשְׁנ׳ס לֶעבְן.

איךְ וֵויים פֶּעלֶער ווִי אִינְגֶעלַייט הָאבְּן גֶערַאטֶעוֶועט דָאס לֶעבְּן פוּן מֶענְטְשְׁן אָן דֶעם וָואס זֵיי זָאלְן זַיין אִין אַ גְרוּפֶּע פוּן הַצָּלָה; אַ אִינְגֶערְמַאן, אַ תַּלְמִיד פוּן יְשִׁיבָה הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן יָארְן צוּרִיק אִיךְ זָאל זִיךְ לֶערְנֶען רַאטֶעוֶועון מֶענְטְשְׁן, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גֶעטוּן"; אוּן אַזוֹי ווִי בַּיי דִיר אִיז אוֹיךְ בַּיי אִים, חֶבְרָה הַצָּלָה הָאט אִים נִישְׁט אַרַיינְגֶענוּמֶען, "דֶעם זוּמֶער בִּין אִיךְ גֶעוֶוען נֶעבְּן אַ גֶעשֶׁעפְט, פְּלוּצְלוּנְג הֶער אִיךְ שְׁרֵייעֶן 'רַאטֶעוֶועט! רַאטֶעוֶועט!' אִיךְ לוֹיף אַהִין אוּן אִיךְ זֶע ווִי אַ מִיטְלְיֶערִיגֶער אִיד זִיצְט אִין קַאר אוּן שְׁטִיקְט זִיךְ, עֶר קֶען נִישְׁט אָטֶעמֶען; דִי וַוייבּ זִיצְט דָארְט אוּן שְׁרֵייט, זִי זֶעט אִיר מַאן גֵייט אוֹיס פַאר אִירֶע אוֹיגְן; אִיךְ הָאבּ אִים אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן קַאר אוּן גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף אִים אַפָּאר מִינוּט אוּן אִים גֶערַאטֶעוֶועט דָאס לֶעבְּן"; דֶער אִינְגֶערְמַאן זָאגְט מִיר: "דִי גוּטֶע טַעם וָואס אִיךְ שְׁפִּיר יֶעצְט אַז אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן לֶעבְּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד - אִיז נִישְׁט מַסְבִּיר צוּ זַיין; יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז עֶס הָאט זִיךְ מִיר גֶעלוֹינְט דִי הוּנְדֶערְטֶער שָׁעוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דֶעם".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## וָואס טוּט אִיךְ אַז מַיין זוּן הָאט זִיךְ צֶעטֵיילְט קוֹים אַ יָאר נָאךְ זַיין חֲתוּנָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעמַאכְט מַיין זוּן, אִין אָנְהוֹיבּ זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, אָבֶּער קוֹים אַ יָאר אִיז אַרִיבֶּער נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין צֶעטֵיילְט, עֶר אִיז מִיר אַהֵיימְגֶעקוּמֶען אוּן אִיךְ וֵויים אֲפִילוּ נִישְׁט פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס דִי מַעֲשֶׂה אִיז דָארְט גֶעוֶוען.

אִיךְ מִיט מַיין וַוייבּ זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אַ קִינְד, אָבֶּער

אוּנְזֶער זוּן קֶען נִישְׁט זֶען דָאס קִינְד אוּן מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס וֶועט דָא זַיין.

אוֹיךְ גֵייט מִיר נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ פַּאר מַיין קוּמֶענְדִיגֶע זוּן, וַוייל מֶענְטְשְׁען קוּקְן שׁוֹין שְׁלֶעכְט אוֹיף מַיין מִשְׁפָּחָה, אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַרוֹיסְהֶעלְפְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ הַאֲזִינוּ, ט׳ תִּשְׁרֵי, עֶרֶב יוֹם הַכִּפּוּרִים, שְׁנַת תשפ״ב
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט הֶעלְפְן זֵיי זָאלְן צוּרִיק גֵיין - זָאלְסְטוּ זִיכֶער טוּן וָואס דוּ קֶענְסְט נָאר אַז דַיין זוּן זָאל צוּרִיק גֵיין אוּן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם, אוּן אַז נִישְׁט - זַיי מִתְפַּלֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין גֶט.

זַיי זִיךְ מְחַזֵק אוּן זֵיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ, אוּן אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי זָאלְסְטוּ מְחַזֵק זַיין דַיין קִינְד.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פַּאר דַיין נָאמֶען פַּאר שִׁידוּכִים; שִׁידוּכִים הָאט נִישְׁט מִיט אַ נָאמֶען, שִׁידוּכִים הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - עֶר אִיז מְזַוֵג זִיווּגִים.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט דִי מַעֲשֶׂה, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוער אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן וֶועם אוּן פַארְוָואס; אוֹיבּ אִיז עֶס תָּלוּי אִין דִיר - זָאלְסְטוּ טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אַז זֵיי זָאלְן צוּרִיק גֵיין לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם. אַ גֶט אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ, בִּפְרַט וֶוען עֶס אִיז דָא אַ קִינְד - וֶוערְט דֶער קִינְד גֶע'שָׁחְטְ'ן; עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט נוּצְן, דָאס אִיז אַ מְצִיאוּת; קִינְדֶער פוּן גֶע'גֶט'ע שְׁטוּבֶּער זֶענֶען קָרְבָּנוֹת, לֶעבֶּעדִיגֶע קָרְבָּנוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## זָאל אִיךְ זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר, אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי מְסוֹרָה אִין אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ קוּם פוּן אַ הֵיימִישֶׁע לִיטְוִוישֶׁע מִשְׁפָּחָה, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר גוּט חֲתוּנָּה גֶעהַאט, מַיין מַאן אִיז זֵייעֶר עֶרְלִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוּן עֶר לֶערְנְט אַ הַאלְבְּן טָאג אִין כּוֹלֵל, אוּן מִיר זֶענֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ.

אִין אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה אִיז נִישְׁט אַיינְגֶעפִירְט אַז פְרוֹיעֶן זָאלְן זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר, כָאטְשׁ וָואס עֶס קֶען זַיין אַז אוּנְזֶערֶע פְרִיעֶרְדִיגֶע בַּאבֶּעס הָאבְּן זִיךְ יָא אַזוֹי גֶעפִירְט. אִיךְ מִיט מַיין מַאן הֶערְן אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, מִיר שֶׁעפְּן אַסַאךְ חִיזּוּק אוּן הַדְרָכָה פוּן דִי שִׁיעוּרִים, אוּן עֶס הֶעלְפְט אוּנְז גָאר אַסַאךְ אִין לֶעבְּן.

בַּיי דִי שִׁיעוּרִים הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן וִויכְטִיגְקֵייט אַז פְרוֹיעֶן זָאלְן זִיךְ יָא שֶׁערְן, אִיךְ הָאבּ שְׁטַארְק חֵשֶׁק אָנְצוּהֵייבְּן זִיךְ צוּ שֶׁערְן, אִיךְ וֵויס אָבֶּער נִישְׁט אוֹיבּ עֶס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן פַאר מִיר דָאס צוּ טוּן וַוייל עֶס אִיז אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי מִנְהָג אוּן מְסוֹרָה אִין אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה.

אִיךְ ווִיל וִויסְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט וֶועגְן דֶעם, אוֹיבּ אִיךְ זָאל זִיךְ אָנְהוֹיבְּן שֶׁערְן, אָדֶער זָאל נָאר פְּרוּבִּירְן צוּ הַאלְטְן דִי הָאר גֶענְצְלִיךְ פַארְדֶעקְט.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּרָכָה, י״ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

ווַאוּיל אִיז אַייךְ אוּן ווַאוּיל אִיז אַייעֶר חֵלֶק אַז אִיר וִוילְט זִיךְ אַרָאפְּנֶעמֶען דִי אֵייגֶענֶע הָאר; אִיר דַארְפְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ זַיין בֶּעסֶער פוּן אַייעֶר מַאמֶע, דָאס הֵייסְט נִישְׁט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן מְסוֹרֶת אָבוֹת; נִישְׁטָא קֵיין מְסוֹרָה צוּ בְּלַייבְּן מִיט אֵייגֶענֶע הָאר. וָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ טוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן ווִי דִי עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ, דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַ מְסוֹרָה פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אַז זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיךְ גֶעקְרִיגְט אַ גַאנְץ לֶעבְּן, וֶועט מֶען

זָאגְן אַז מִיר דַארְפְן זִיךְ אוֹיךְ קְרִיגְן וַוייל מִיר ווילְן נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן מְסוֹרָה?

מִיר הָאבְּן אַלֶע אֵיין מְסוֹרָה: "דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה!" מִיר דַארְפְן גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה; מִיט דֶעם וָואס אִיר וֶועט זִיךְ שֶׁערְן וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער, אִיר וֶועט מַאכְן רוּעֶן דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה אִין אַייעֶר שְׁטוּבּ, אִיר וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח וְלֹא בְּצַעַר, אוּן אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת וֶועלְן קוּמֶען אִין אַייעֶר גֶעצֶעלְט.

וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעוּויסְט וָואס פַאר אַ שְׁלֶעכְטְס עֶס קוּמְט וֶוען מֶען גֵייט אוֹיפְגֶעדֶעקְט מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר - וָואלְט מֶען אַנְטְלָאפְן פוּן פַּחַד, דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): "'תּוּנְבָא לֵיתֵי', אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ', אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ', וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר', אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָהּ', אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי, 'וְאִתְּתָא דְּאַפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר', אוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ', זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא', אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְׁבוּן בְּדָרָא', אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא', אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז דִי סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ. 'מַאן גָּרִים דָא?' וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחַזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר', דִי פְרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס".

אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז פַארְקֶערְט אִיז נָאךְ מֶער; אַ פְרוֹי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז אִירֶע הָאר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען - וֶועט הָאבְּן אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן זִי וֶועט הָאבְּן נַחַת פוּן אִירֶע קִינְדֶער.

אַ גוּט יוֹם טוֹב.

...

## וֶועלְכֶע הֶכְשֵׁרִים קֶען מֶען עֶסְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

בַּיי אוּנְז אִין דִי מִשְׁפָּחָה לֵייגְט מֶען נִישְׁט קַיין גְרוֹיס גֶעוִויכְט אוֹיף הֶכְשֵׁרִים, מֶען עֶסְט אַלֶעס ווי לַאנְג עֶס הָאט נָאר סַיי וֶועלְכֶע הֶכְשֵׁר. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בַּיי אַ שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז מֶען דַארְף יָא אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס מֶען עֶסְט, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּקְן אוֹיף הֶכְשֵׁרִים, אִיךְ בִּין אָבֶּער זֵייעֶר צוּמִישְׁט, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אִיז אַ גוּטֶע הֶכְשֵׁר, ווִי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען וֶועלְכֶע הֶכְשֵׁר מֶען קֶען עֶסְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת בְּרָכָה, י"ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ עֶסְן אוּן נִישְׁט צוּ טְרִינְקֶען נָאר אוֹיבּ עֶס הָאט אַ גוּטֶע הֶכְשֵׁר.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי נַחְמָן נָתָן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קצה): "מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן מֶען זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן אִין עֶסְן נִישְׁט כָּשֶׁר'עֶ עֶסְן"; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: מִצַּד אוּנְזֶער נְשָׁמָה קֶען אוּנְז קֵיינֶער נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, זֵיי קֶענֶען אוּנְז נִישְׁט פַארְדְרֵייעֶן אוּנְזֶער קָאפּ מִיט זֵייעֶרֶע נַארִישֶׁע דֵיעוֹת, עֶס וֶועט אוּנְז נִישְׁט שָׁאטְן, אָבֶּער, "בְּעִנְיְנֵי מַאֲכָלִים, עַל זֶה אָנוּ צְרִיכִין שְׁמִירָה שֶׁלֹּא נִכָּשֵׁל חַס וְשָׁלוֹם", אִין הֶכְשֵׁרִים, אוֹיף עֶסְן - דָארְט דַארְפְן מִיר גְרוֹיס שְׁמִירָה מִיר זָאלְן נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן, "וְעַל זֶה צְרִיכִין שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יִשְׁמֹר אוֹתָנוּ וּצְרִיכִין לְבַקֵּשׁ מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל זֶה שֶׁיִּשְׁמֹר אוֹתָנוּ מִזֶּה", אוּן מִיר דַארְפְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם.

בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פְלֵייש - דָארְט דַארְף מֶען זִיךְ מַאכְן אַ שְׁטַארְקֶע גֶדֶר וָואס פַאר אַ פְלֵייש מֶען עֶסְט, פוּן וָואס פַאר אַ שְׁחִיטָה; מֶען זָאל נָאר

עֶסְן פוּן עֶרְלִיכֶע קְהִלּוֹת בְּיִשְׂרָאֵל וָואס הָאבְּן עֶרְלִיכֶע שׁוֹחֲטִים און בּוֹדְקִים, נִישְׁט עֶסְן פוּן כָּל הַבָּא בְּיָדוֹ, נָאר פוּן עֶרְלִיכֶע קְהִלּוֹת וָואס זֶענֶען מַחְמִיר מִיט שְׁטַארְקֶע חוּמְרוֹת, צוּם בֵּיישְׁפִּיל סַאטְמַאר וְכַדוֹמֶה, וַוייל דֶער רַמְבַּ״ם זָאגְט (אִגֶּרֶת הָרַמְבַּ״ם, הוּבָא בְּדֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם פַּרְשַׁת עֵקֶב, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל ׳וּמַלְתֶּם אֶת עָרְלַת לְבַבְכֶם׳) **אַז** מֶען עֶסְט טְרֵפוֹת און נְבֵלוֹת וֶוערְט דִי בְּלוּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ שְׁמוּצִיג, נָאכְדֶעם קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן קַיין אֱמוּנָה.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**בִּיז וֶוען פַאסְט מֶען צוּם גְדַלְיָ', וֶוען מֶען קוּמְט אַהֵיים פוּן אוּמַאן?**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ, ג' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

**וָואס זוּכְסְטוּ אַרוֹיפְצוּלֵייגְן חוּמְרוֹת אוֹיף אַנְדֶערֶע? מוֹהֲרָא"שׁ פַּסְקְ'נְט אַז מֶען קֶען זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף הָרַב וָואזְנֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס עֶר פַּסְקְ'נְט** (עַיֵּין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת שֵׁבֶט הַלֵּוִי חֵלֶק ח', סִימָן רסא) **אַז מֶען קֶען שׁוֹין אוֹיסְפַאסְטְן וֶוען עֶס וֶוערְט נַאכְט אִין אוּמַאן, מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז עֶס וֶוערְט נַאכְט אִין אַמֶערִיקֶע.**

**עֶס זֶענֶען דָא פּוֹסְקִים וָואס זָאגְן מֶען זָאל יָא וַוארְטְן בִּיז עֶס וֶוערְט נַאכְט דָא, אָבֶּער אוֹיף דֶעם זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ קֶען מֶען נוּצְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט** (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקמז) **דָארְט וואוּ עֶס אִיז דָא אֵיין פּוֹסֵק קֶען מֶען זִיךְ פַארְלָאזְן.**

**מֶען קֶען נָאךְ אַסַאךְ מֶער מֵקִיל זַיין אִין דֶעם, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אוֹיף צוּ שְׁרַייבְּן וְכוּ'.**

**אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

...

### יוֹם כִּיפּוּר אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע טָאג פוּן יָאר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ הַאֲזִינוּ, ו׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳

פַארְוָואס זָאגְט אִיר אַז יוֹם כִּיפּוּר אִיז נִישְׁט אַ פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב? אִיר הָאט אַ טָעוּת, אִיר מֵיינְט אַז יוֹם כִּיפּוּר אִיז אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע טָאג; יוֹם כִּיפּוּר אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע טָאג פוּן יָאר, דִי הֵיילִיגְסְטֶע טָאג פוּן יָאר, אַ טָאג וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל פַאר אַלֶע אִידְן אַלֶע עֲבֵירוֹת.

דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט (וַיִּקְרָא טז, ל): ״כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם לִפְנֵי ה׳ תִּטְהָרוּ״, אִין דֶעם טָאג פוּן יוֹם כִּיפּוּר אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת, מֶען וֶוערְט רֵיין פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא כ.) אִין אַ יָאר אִיז דָא דְרֵיי הוּנְדֶערְט פִינְף אוּן זֶעכְצִיג טֶעג, אוּן דֶער וָוארְט ׳הַשָּׂטָן׳ בַּאטְרֶעפְט דְרֵיי הוּנְדֶערְט פִיר אוּן זֶעכְצִיג, וַוייל דֶער שָׂטָן אִיז מְקַטְרֵג אַ גַאנְץ יָאר אוֹיסֶער יוֹם כִּפּוּרִים; נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק א) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (תְּהִלִּים קלט, טז): יָמִים יֻצָּרוּ וְלוֹ אֶחָד בָּהֶם ״זֶה יוֹם הַכִּפּוּרִים לְיִשְׂרָאֵל, שֶׁהוּא שִׂמְחָה גְּדוֹלָה לִפְנֵי מִי שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם שֶׁנְּתָנוֹ בְּאַהֲבָה רַבָּה לְיִשְׂרָאֵל״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵיידְט זִיךְ פַאר דֶעם טָאג יוֹם כִּפּוּרִים, עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דֶעם טָאג מִיט גְרוֹיס לִיבְשַׁאפְט.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

### זַיי נִישְׁט פַארְ׳כִּישׁוּף׳ט מִיט דַיין טֶעלֶעפָאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ הַאֲזִינוּ, ז׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ שָׁאד דוּ בִּיסְט פַארְ׳כִּישׁוּף׳ט מִיט דַיין טֶעלֶעפָאן; מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן אוֹיבּ דוּ דַארְפְסְט דַיין טֶעלֶעפָאן.

אַז דוּ דַארְפְסְט עֶס פַאר דַיין אַרְבֶעט - מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן אַן אָפֶענֶעם טֶעלֶעפָאן צוּ אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

מָארְגְן וֶועט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶער שִׁיעוּר.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## דִי רַחְמָנוּת זָאל נִישְׁט חָרוּב מַאכְן אַייעֶר לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ הַאֲזִינוּ, ז׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר וֶוייטָאגְלִיכֶער בְּרִיוו.

אַייעֶר טַאטֶע אִיז טַאקֶע אַ גְרוֹיסֶער רַחְמָנוּת, אַייעֶר מַאמֶע מַאכְט אִים שְׁפִּירְן ווִי אַ שְׁמַאטֶע, זִי שַׁאפְט אוֹיף אִים ווִי אַ הַאר שַׁאפְט אוֹיף אַ קְנֶעכְט, אָבֶער דָאס קֶען נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן אַייעֶר לֶעבְּן. אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר קֶענְט נִישְׁט עֶסְן אוּן נִישְׁט שְׁלָאפְן, אִיר קֶענְט גָארְנִישְׁט טוּן, אִיר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף טְרַאכְטְן פוּן אַייעֶר צֶעבְּרָאכֶענֶער צֶעשָׁאסֶענֶער טַאטֶע, אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר גֶעדֶענְקְט נִישְׁט אֲפִילוּ אֵיין מָאל אִין אַייעֶר לֶעבְּן צוּ זֶען אַייעֶר טַאטֶע מַאמֶע זִיצְן אִינְאֵיינֶעם בַּיי אֵיין טִישׁ שְׁמוּעֶסְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען, אִיר גֶעדֶענְקְט נִישְׁט זֵיי זָאלְן שְׁמֵייכְלֶען אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן וְכוּ׳ וְכוּ׳; אִיר זֶענְט אַרַיין אִין אַ טְרוֹיעֶרִיגְקֵייט, אִיר קֶענְט גָארְנִישְׁט טְרַאכְטְן אוֹיסֶער פוּן דִי צַעַר פוּן אַייעֶר טַאטֶע.

אֱמֶת, אַייעֶר טַאטֶע אִיז אַ גְרוֹיסֶער רַחְמָנוּת, אָבֶער דָאס קֶען נִישְׁט חָרוּב מַאכְן אַייעֶר לֶעבְּן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קיג:): ״הָרַחֲמָנִין, חַיֵּיהֶם אֵינָם חַיִּים״, דִי וָואס הָאבְּן צוּפִיל רַחְמָנוּת - דִי הָאבְּן נִישְׁט קַיין לֶעבְּן; הָאבְּן רַחְמָנוּת אוֹיף אַנְדֶערֶע אִיז פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע מִידוֹת וָואס אִיז דָא בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְבָמוֹת עט.): ״שְׁלֹשָׁה סִימָנִים יֵשׁ בְּאוּמָּה זוֹ״, אֵיינֶע פוּן דִי סִימָנִים פוּן אַ אִיד אִיז ״רַחֲמָנִים״, אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן רַחְמָנוּת; אָבֶער אוֹיבּ מֶען הָאט צוּפִיל רַחְמָנוּת שְׁטֶערְט עֶס פַארְ׳ן לֶעבְּן, מֶען

קֶען נִישְׁט לֶעבְּן.

אַייעֶר טַאטֶע וֶועט גָארְנִישְׁט הָאבְּן פוּן דֶעם וָואס אִיר וֶועט זִיךְ פַּייניגְן פַאר אִים, עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן עֶר זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת; אִיר דַארְפְט טוּן צוּ דִי זַאךְ, אִיר דַארְפְט אִים הֶעלְפְן.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז תְּפִלָּה; בֶּעטְס יֶעדְן טָאג אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן אַזוֹי וִוי עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי זָאלְן לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיסְן אֵיינֶער אוֹיפְ׳ן צְוֵוייטְן. צְוֵוייטְנְס, אִיר זָאלְט יֶעדְן טָאג רוּפְן אַייעֶר טַאטֶע מַאמֶע, רֶעדְט צוּ זֵיי שֵׁיין, וֶוען אִיר רֶעדְט צוּ אַייעֶר טַאטֶע זָאלְט אִיר אִים מַאכְן שְׁפִּירְן וִוי אַ טַאטֶע, דֶערְצֵיילְט אִים פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער, דֶערְצֵיילְט אִים פוּן אַייעֶר מַאן; זָאגְט אִים וִוי שְׁטַארְק אִיר הָאט אִים לִיבּ, פְּרֶעגְט אִים עֵצוֹת; אֲפִילוּ אִיר וֶועט טוּן וָואס אַייעֶר מַאן זָאגְט, אָבֶער מַאכְט אִים שְׁפִּירְן וִוי עֶר אִיז עֶפֶּעס, אוּן וֶוען אִיר רֶעדְט מִיט אַייעֶר מַאמֶע זָאלְט אִיר רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן חָכְמָה, זָאגְט אִיר: "אִיךְ הָאבּ פְּרִיעֶר גֶערֶעדְט מִיט טַאטִי, טַאטִי אִיז אַזוֹי קְלוּג, עֶר גֶעבְּט מִיר אַזֶעלְכֶע גוּטֶע עֵצוֹת", וֶועט זִי זִיךְ אוֹיךְ רֶעכֶענֶען מִיט אִים; אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אִיר גֵייט צוּ זֵיי זָאלְט אִיר רֶעדְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ זֵיי.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אַייעֶר גֶעזוּנְט, נֶעמְט אַרוֹיס פוּן קָאפּ דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה פוּן אַייעֶר טַאטֶע מַאמֶע. אִיךְ זָאג אַייךְ, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַייעֶר בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פַאר אַייעֶר לֶעבְּן, מֶער וִוי אַייעֶר טַאטֶעס לֶעבְּן; אִיךְ צִיטֶער עֶס זָאל נִישְׁט גֵיין צוּ אַייעֶרֶע נֶערְוֶועוְן, עֶס זָאל אַייךְ נִישְׁט שָׁאטְן.

אוּן דִי לֶעצְטֶע זַאךְ אִיז דִי זֶעלְבֶּע פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ - תְּפִלָּה; תְּפִלָּה אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע עֵצָה אוּן דִי לֶעצְטֶע עֵצָה אוּן אוֹיךְ דִי מִיטְלְסְטֶע עֵצָה. בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בַּיי אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן בַּיי אַלֶע אִידְן.

אַזוֹי וִוי אַייעֶר טַאטֶע מַאמֶע לֶעבְּן - אַזוֹי אִיז בַּיי רוֹב שְׁטוּבֶּער, מֶען מַאכְט אִינְדְרוֹיסְן אַ גוּטֶע שְׁפִּיל, וֶוען מֶענְטְשְׁן זֶעעֶן אוּן הֶערְן - זֶעט אוֹיס כְּאִילוּ עֶס אִיז דָא אַ הוֹיז, טַאטֶע מַאמֶע, אָבֶער שְׁטִילֶערְהֵייט אִיז עֶס חָרוּב

וְנֶחְרַב; בַּיי אֵיינֶעם גְרוֹיסְט זִיךְ דֶער מַאן אוֹיף דִי וַוייבּ, בַּיי אַ צְוֵוייטְן גְרוֹיסְט זִיךְ דִי וַוייבּ אוֹיף דֶעם מַאן אוּן בַּיי אַ דְרִיטְן פְּלִיקְן זִיךְ בֵּיידֶע, מֶען הַרְגְ'עֶט זִיךְ, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט לַיידְן. נָאר אַז מֶען הָאט אַ צַדִיק וָואס לֶערְנְט אוֹיס וָואס דֶער רָצוֹן הַשֵּׁם אִיז, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אַז מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אֵיינֶער פַאר'ן צְוֵוייטְן, אַרוֹיסְגֵיין פוּן וֶועג אֵיינֶער פַאר'ן צְוֵוייטְן - דִי הָאבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן, דִי לֶעבְּן מִיט לִיבְשַׁאפְט, דִי שְׁפִּירְן אוֹיף דִי וֶועלְט דִי זִיסֶע טַעַם פוּן גַן עֵדֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

**בְּלַייבּ אִין שְׁטֶעטְל אוּן מַאךְ שֵׁיינֶע הַקָּפוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' הַאֲזִינוּ, ח' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר דִי מִשְׁפָּחוֹת אִין שְׁטֶעטְל, קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט קוּמֶען קַיין ווילְיַאמְסְבּוּרְג צוּ מִיר אוֹיף שִׂמְחַת תּוֹרָה. מִיר זֶענֶען בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים, מִיר דַארְפְן פָארְן אֵיינְמָאל אַ יָאר צוּ אוּנְזֶער רֶבִּי קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מֶער פוּן דֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן, מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס ווילְן, דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז אַלֶע מְתַקֵן.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוער עֶס מַאכְט דִי ווינְט אַז אַלֶע דַארְפְן קוּמֶען אוֹיף שִׂמְחַת תּוֹרָה, גֶעבּ אִיבֶּער פַאר אַלֶעמֶען אַז יֶעדֶער זָאל טוּן וָואס אִיז אִים בַּאקְוֶועם, וָואס אִיז אִים גוּט. אוּן דִיר בֶּעט אִיךְ בַּאזוּנְדֶער, בְּלַייבּ אִין שְׁטֶעטְל, מַאךְ שֵׁיינֶע הַקָּפוֹת. זִינְג אוּן טַאנְץ מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מַאךְ נָאךְ דִי שֵׁיינֶע הַקָּפוֹת פוּן יְשִׁיבָה וָואס דוּ הָאסְט בֵּייגֶעוואוֹינְט אַלֶע יָארְן, מַאךְ עֶס נָאךְ אִין שְׁטֶעטְל.

גֶעדֶענְקְסְט אַוַודַאי וָואס אִיךְ טוּ מִיט דִי קִינְדֶער צְווִישְׁן דִי הַקָּפוֹת, ווִי

אִיךְ זִינְג מִיט זֵיי, אִיךְ רֶעד צוּ זֵיי אוּן טַאנְץ מִיט זֵיי.

חֲתִימָה טוֹבָה.

...

### קֶענְסְט נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין צוּ אַ סוּכָּה, אָן דַיין וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' הַאֲזִינוּ, ח' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זִי אִיז גֶערֶעכְט, אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין אֵייגֶענֶע סוּכָּה קֶענְסְטוּ נִישְׁט אַוֶועק גֵיין גַאנְץ סוּכּוֹת שְׁלָאפְן אִין אַ סוּכָּה אוּן אִיר אִיבֶּערְלָאזְן אַלֵיין; דוּ קֶענְסְט אִיר מִיט נֶעמֶען, זִי וֶועט שְׁלָאפְן אִין דִי דִירָה אוּן דוּ אִין דִי סוּכָּה.

אַז דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן בַּיי דַיינֶע עֶלְטֶערְן דַארְפְסְטוּ זָארְגְן אַ פְּלַאץ פַּאר אִיר צוּ שְׁלָאפְן אוּן אַז דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן בַּיי אִירֶע עֶלְטֶערְן דַארְפְסְטוּ זָארְגְן זִי זָאל הָאבְן אַ שְׁטוּבּ, אַלֵיינְס אַוֶועק גֵיין קֶענְסְטוּ נִישְׁט; אוֹיבּ אִיז נִישְׁטָא קֵיין פְּלַאץ פַּאר אִיר מִיט צוּ קוּמֶען זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן שְׁלָאפְן אִין שְׁטוּבּ.

אִיךְ בִּין שְׁטֶענְדִיג מְעוֹרֵר דִי אִינְגֶעלַייט וֶוען זֵיי זוּכְן אַ דִירָה אַז זֵיי זָאלְן קוּקְן אוֹיבּ מֶען קֶען מַאכְן אַ סוּכָּה; אַ אִידִישֶׁע דִירָה דַארְף הָאבְן אַ פְּלַאץ פַּאר אַ סוּכָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

### מֶען דַארְף פַארְשְׁטֵיין דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן לוֹיט דִי תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' הַאֲזִינוּ, ח' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּרוּדֶער טֵייעֶרער, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ שְׁרַייבְּן אִין דֶעם נוֹשֵׂא; אִיךְ קֶען דִיר זָאגְן אַבִּיסְל אוּן דוּ וֶועסְט אַלֵיינְס דַארְפְן אַרַיינְטְרַאכְטְן אוּן פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹי ווִי דֶער חָכָם מִכָּל אָדָם זָאגְט (מִשְׁלֵי ט, ט): "תֵּן לְחָכָם וְיֶחְכַּם עוֹד", לֶערְן מִיטְ'ן חָכָם וֶועט עֶר וֶוערְן נָאךְ מֶער קְלוּגֶער.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן פְּרֶעגְן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם אַ זוּן פוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הַנְהָגוֹת צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, פְלֶעגְט עֶר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער: "קִינְדֶערְלֶעךְ הִיט אַייךְ פוּן כְּרִיתוּת"; דָאס הֵייסְט דִי טֶעג וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט דֶעמָאלְט הִיט מֶען דִי הֲלָכוֹת, אוּן אִין דִי אַנְדֶערֶע טֶעג אִיז אַלֶעס מוּתָּר.

לֵיידֶער פַארְדְרֵיידְט מֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מֶען לֶערְנְט מִיט חֲתָנִים אוּן כַּלוֹת אַ פַאלְשֶׁע תּוֹרָה, מֶען לֶערְנְט פְּרִישׁוּת אַזוֹי ווִי לְהַבְדִיל דִי גַלָחִים לֶערְנֶען, בַּיי זֵיי אִיז מֶען מֶער שְׁמֵייליג וֶוען מֶען אִיז אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט אוּן אָפְּגֶעטֵיילְט; דָאס לֶערְנְט מֶען פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

בִּכְתַב קֶען אִיךְ נִישְׁט שְׁרַייבְּן מֶער, פָּנִים בְּפָנִים קֶען אִיךְ דִיר לֶערְנֶען ווִיאַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

**זֵיי זִיךְ מְקַבֵּל אַרוֹיפְצוּלֵייגְן אַ צוּים אוֹיף דִי פֶענְסְטֶער**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' הַאֲזִינוּ, ח' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִי שֶׁגְּמָלְךָ כָּל טוֹב הוּא יִגְמֹל עִמָּנוּ כָּל טוֹב! אַזַא נֵס, דַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר אִיז אַרוֹיסְגֶעפַאלְן פוּן פֶענְסְטֶער צְווֵיי שְׁטָאק אוּן עֶס הָאט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט; דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נֵס אוּן אוֹיף אַלֶע נִיסִים

וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה.

דוּ פְרֶעגְסְט וָואס דוּ זָאלְסְט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין אוֹיפְ'ן גְרוֹיסְן נֵס; זַיי מְקַבֵּל שׁוֹין מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה פוּן (דְבָרִים כב, ח): "וְעָשִׂיתָ מַעֲקֶה לְגַגֶּךָ", לֵייג אַרוֹיף אַ צוֹים אוֹיף דִי פֶענְסְטֶער, "וְלֹא תָשִׂים דָּמִים בְּבֵיתֶךָ", עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין בְּלוּט, "כִּי יִפֹּל הַנֹּפֵל מִמֶּנּוּ".

עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס אַרַיינְצוּקוּמֶען אוֹיף צְוֵוייטֶע טֶעג יוֹם טוֹב קַיין ווילְיַאמְסְבּוּרְג; דַיינֶע בָּחוּרִים שִׁיק אַרַיין, פַאר זֵיי אִיז גוּט זֵיי זָאלְן הָאבְּן הַקָּפוֹת מִיט דִי בָּחוּרִים מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אָבֶער מִשְׁפָּחוֹת פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס דִי שְׁלֶעפּ אַרַיין אוּן שְׁלֶעפּ אַרוֹיס.

אֵיין מָאל אַ יָאר דַארְפְן מִיר פָארְן קַיין אוּמַאן, זִיךְ שְׁלֶעפְּן אוּנְזֶערֶע בֵּיינֶער, אוּנְזֶערֶע קִישְׁקֶעס - צוּם רֶבִּי'ן, מֶער פוּן דֶעם פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס.

מַאכְט נִישְׁט קַיין נֵייעֶ זַאכְן.

חֲתִימָה טוֹבָה.

...

### אִין דִי בְּרִיווּ וֶועסְטוּ זֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' הַאֲזִינוּ, ח' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, טְרֶענְסְפָּארְטֶעישְׁן מֶענִידְזְשֶׁער**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דִיר; פוּן דַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, פוּן דַיין הַתְמָדַת הַתּוֹרָה אוּן פוּן דַיין גֶעטְרֵיישַׁאפְט וִוי דוּ הֶעלְפְסְט דִי מוֹסָד אַזוֹי גֶעטְרֵיי מִיט דִי בָּאסֶעס אוּן וֶוענְס, בְּרֶענְגֶען אוּן טְרָאגְן דִי קִינְדֶער מִידֵי יוֹם בְּיוֹמוֹ.

אַ שָׁאד דוּ לֵיינְסְט נִישְׁט דִי וֶועכֶנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵסִים פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן אִישׁ אֱמוּנוֹת; אִין דִי בְּרִיווּ לִיגְן אַזוֹיפִיל חִיזוּק, אַזוֹיפִיל שֵׂכֶל; עֶס לִיגְן אִין דִי בְּרִיווּ אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט וִויסְן פַאר דַיין לֶעבְּן.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר יֶעדֶע וָואךְ אַ גַאנְצֶע קוּנְטְרֵס, יֶעצְט זָאגְסְטוּ מִיר אַז דוּ לֵיינְסְט עֶס נִישְׁט; עֶס אִיז אַ שָׁאד פַאר דִיר, דוּ וָואלְסְט זִיךְ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען מִיט דִי בְּרִיווּ.

אִין דִי בְּרִיוו וֶועסְטוּ זֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אַ גוּטֶע וִויטַאמִין וָואס אַרְבֶּעט ווּאוּנְדֶערְלִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' הַאֲזִינוּ, ח' תִּשְׁרֵי, שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת, שְׁנַת תשפ"ב

לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אַז אִיר ווִילְט צוּרִיק קוּמֶען צוּ אַייעֶרֶע כֹּחוֹת אִיז דָא אַ גוּטֶע וִויטַאמִין וָואס אַרְבֶּעט ווּאוּנְדֶערְלִיךְ, עֶס אַרְבֶּעט אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, גְלַייךְ וֶוען מֶען נֶעמְט עֶס אַיין שְׁפִּירְט מֶען וִוי מֶען בַּאקוּמְט מֶער אוּן מֶער כֹּחַ.

דִי וִויטַאמִין קֶען מֶען בַּאקוּמֶען וואוּ אִימֶער, עֶס לִיגְט אִין אַלֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אִין אַלֶע הַייזֶער, עֶס קָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט; מֶען דַארְף דָאס נִישְׁט אַיינְנֶעמֶען, דָאס דַארְף מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען, אַרוֹיסְזָאגְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי וֶוערְטֶער:

"יְיַשֶּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר מַיין לֶעבְּן, יְיַשֶּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַלֶעס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר, יְיַשֶּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי בִּיסְל כֹּחַ וָואס אִיךְ הָאבּ. יְיַשֶּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד, יְיַשֶּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ גְלֵייבּ אִין דִיר, יְיַשֶּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַלֶעס".

יֶעדֶע דַאנְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - גֶעבְּט נָאךְ כֹּחַ אוּן נָאךְ כֹּחַ.

יֶעצְט זֶענְט אִיר שְׁוַואךְ, עֶס אִיז נָארְמַאל; אִיר מֶעגְט וֵויינֶען, עֶס אִיז נָארְמַאל; צוּבִּיסְלִיךְ וֶועט אִיר צוּרִיק קוּמֶען צוּ אַייעֶרֶע כֹּחוֹת פוּן אַמָאל, אוּן אַז אִיר וֶועט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִיר וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער פוּן אַמָאל.

אַ חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אַזוֹי שֵׁיין אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט דִי סְעוּדוֹת אִין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ הַאֲזִינוּ, ח׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַ גְרוֹיסְן יִיַשֶׁר כֹּחַ פַאר׳ן אַהֶערְשְׁטֶעלְן דִי סְעוּדוֹת אִין אוּמַאן. אִיךְ שְׁטֵיי אוּן אִיךְ שְׁטוֹין וִוי דוּ בִּיסְט גֶעשְׁטַאנֶען אִין קָאךְ פִּיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה, דִי גַאנְצֶע וָואךְ, גֶעקָאכְט אוּן גֶעקָאכְט אוּן גֶעמַאכְט דִי סְעוּדוֹת פַאר וָואכְן, שַׁבָּת אוּן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר פִיר הוּנְדֶערְט מֶענְטְשְׁן; אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶךָ אַז דוּ בִּיסְט מְשַׁמֵּשׁ דֶעם רֶבִּי׳ן אַזוֹי גֶעטְרֵיי, אִין דֶעם זְכוּת זָאלְסְטוּ הָאבְּן אַ זִיס יָאר אוּן דִי זְכוּתִים זָאלְן דִיר בַּאגְלֵייטְן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

אִיךְ וִויל מַאכְן דֶעם סְעוּדַת הִלּוּלָא פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִין שְׁטֶעטְל. אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶען צוּ עֶנְק דָאנֶערְשְׁטָאג אוּן מַאכְן דִי סְעוּדָה; זֶע אָנְצוּגְרֵייטְן אַ סְעוּדָה אוּן פְרֶעג בַּיי דִי פָּאלִיצֵיי אוֹיבּ מֶען קֶען מַאכְן מוּזִיק, אוֹיבּ מֶען קֶען טַאנְצְן אִין דִי סוּכָּה בַּיינַאכְט; אוֹיבּ נִישְׁט וֶועלְן מִיר אַרַיינְגֵיין אִין שׁוּל נָאכְן סְעוּדָה טַאנְצְן.

יוֹם הַכִּפּוּרִים, סוּכּוֹת אוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה וֶועל אִיךְ זַיין אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג. אִיךְ הָאף צוּ קוּמֶען בְּמֶשֶׁךְ דִי יָאר אֵיינְמָאל אִין פִיר וָואכְן, אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם מוֹדִיעַ זַיין יֶעדֶעס מָאל אִיךְ קוּם.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שְׁרַייבּ מִיר דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה.

חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## הָאסְט מִיר אוּנְטֶערְגֶעקוּיפְּט מִיט דַיין מִשְׁנַיוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ הַאֲזִינוּ, ח׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר יֶעצְט דֶערְצֵיילְט אַז דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען דִי זְכוּת פוּן דִי צְוֵוייטֶע מִקְוֶה טָהֳרָה וָואס מִיר גֵייעֶן יֶעצְט בּוֹיעֶן אִין קִרְיַת

בְּרֶסְלֶב, עֶר הָאט מִיר הַיְינְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן דִיר דִי עֶרְשְׁטֶע צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט קֶענֶען טוּן נָאךְ אוּן נָאךְ מִצְוֹת דַיְין גַאנְץ לֶעבְּן.

אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הַנָאָה גֶעהַאט דִיר צוּ זֶען אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן מִיט אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנָיוֹת; אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים אִיז יֶעדֶער אַזוֹי אָפְּגֶעמַאטֶערְט, קוֹים וָואס מֶען גֵייט, קוֹים וָואס מֶען וֵוייסְט וָואס טוּט זִיךְ, אוּן דוּ אוּן נָאךְ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זִיצְן מִיט דִי מִשְׁנָיוֹת אוּן זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; הָאסְט מִיר אוּנְטֶערְגֶעקוֹיפְט, הָאסְט גֶעכַאפְּט מַיין הַארְץ, אַזַא מַרְאֶה וֶועל אִיךְ נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַזוֹי שְׁנֶעל; זֶה חֶלְקִי מִכָּל עֲמָלִי, צוּ זֶען וִוי דִי דְרָשׁוֹת, דִי דִיבּוּרִים, דִי הָארֶעוַואנִיֶע - גֵייט אַרַיין אִין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

אַ חֲתִימָה טוֹבָה.

...

**בְּלַייבּ נַאאִיוו, בְּלַייבּ פַאנַאטִישׁ אוּן בְּלַייבּ תְּמִימוּת'דִיג**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' הַאֲזִינוּ, ח' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לפרט קטן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

מַיין טֶעלֶעפָאן אִיז צֶעבְּרָאכְן, מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן מִיר אִין אֵיין רוּפְן אוּן שְׁרַייבְּן אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן אוּן נִישְׁט לֵיינֶען וָואס זֵיי שְׁרַייבְּן; אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן מִיט דֶעם, מִיר בְּרֶענְגֶען אַ נֵייעֶ; אִיךְ ווִיל אַ טֶעלֶעפָאן אַזוֹי וִוי בִּיז יֶעצְט, נִישְׁט מֶער פָארְגֶעשְׁרִיטְן, נָאר מֶען זָאל קֶענֶען רֶעדְן אוּן טֶעקְסְטְן, גָארְנִישְׁט מֶער פוּן דֶעם.

שְׁרַייבּ מִיר דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; שְׁרַייבּ מִיר וואוּ דוּ הַאלְטְסְט אִין שַׁ״ס אוּן אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ, לָאז זִיךְ נִישְׁט פַאלְן; בְּלַייבּ שְׁטַארְק מִיט דַיין אִידִישְׁקֵייט.

זָאג דַיין וַוייבּ אַז דִי טְשֶׁעפֶּע אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע קָאמְפְּלִימֶענְט אוֹיף עֶנְק;

דָאס וָואס דִי מִשְׁפָּחָה לַאכְט פוּן עֶנְק, וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן מָאוִויס, עֶקְטֶערְס אוּן סֶעלֶעבְּרֶעטִיס אוּן דוּ מִיט דַיין וַוייבּ פְּרֶעגְן וֶוער? וָואס? וֶוען? אוּן זֵיי לַאכְן אוּן זָאגְן אוֹיף עֶנְק אַז עֶטְס זֶענְטְס אַזוֹי נַאאִיוו אוּן פַאנַאטִישׁ וְכוּ' – דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אוֹיף עֶנְק.

בְּלַייבּ נַאאִיוו, בְּלַייבּ פַאנַאטִישׁ אוּן בְּלַייבּ תְּמִימוּת'דִיג.

חֲתִימָה טוֹבָה.

...

**נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, י"א תִּשְׁרֵי, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, מִיט אַרוֹיסְגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אִישׁ אֱמוּנוֹת. זַיי זִיךְ מְזָרֵז מִיטְ'ן עֶנְדִיגְן דִי סְפָרִים אִישׁ אֱמוּנוֹת פוּן שְׁנַת תש"פ; אַ שָׁאד עֶס שְׁלֶעפְּט זִיךְ אַזוֹי לַאנְג, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וִויפִיל דָאס אִיז מְחַיֶּ' אוּן מְחַזֵּק אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט בַּאקוּמֶען פוּן ... דִי סְפָרִים אִישׁ אֱמוּנוֹת אוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פוּן שְׁנַת תשפ"א גְרֵייט צוּ דְרוּקְן; אִיךְ ווִיל וִויסְן אוֹיבּ דוּ הָאסְט דָאס מַגִּיהַ גֶעוֶוען, אוֹיבּ יָא – קֶען מֶען דָאס שׁוֹין גְלַייךְ דְרוּקְן.

דָא הָאסְטוּ אַ מַעֲשֶׂה פַאר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַאר דִי קִינְדֶער פַּרְשַׁת נֹחַ:

קִינְדֶער, מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ; מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אוֹיבּ יֶענֶער אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד בַּאקוּמְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער שְׁטְרָאף.

הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרַא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט (אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק סא, מִכְתָּב י"ב שנב):

עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט אַפְּטָא אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט גֶעהַאט דָארְט אַ גְרוּפֶּע תַּלְמִידִים הֵיילִיגֶע אִידְן. נָאכְדֶעם הָאט דֶער צַדִיק זִיךְ אַוֶועקְגֶעצוֹיגְן קַיין סַאסוּב מִיט אַלֶע תַּלְמִידִים, אֵיין תַּלְמִיד אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין אַפְּטָא, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט זִיךְ אַרִיבֶּער צוּ צִיעֶן קַיין סַאסוּב; עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, זַיינֶע בְּרָכוֹת פְּלֶעגְן מְקוּיָם וֶוערְן.

דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּמֶען צוּ אִים פַאר יְשׁוּעוֹת, אַלֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים בֶּעטְן בְּרָכוֹת; אָבֶער דֶער חַזָן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער לֵץ, אַ מְחוּצָף, עֶר הָאט גֶעזוּכְט וִוי עֶר קֶען חוֹזֶק מַאכְן פוּן דֶעם אִיד. וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען אַלֶע אִידְן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען זִיךְ מַזְכִּיר זַיין בַּיי דֶעם אִיד - הָאט דֶער חַזָן גֶעשִׁיקְט זַיין דִינְסְט מִיט דִי צִיגֶעלֶע עֶר זָאל גֶעבְּן אַ בְּרָכָה פַאר זַיין צִיגֶעלֶע, מִיט דִי כַּוָונָה צוּ שְׁפֶּעטְן. דִי דִינְסְט קוּמְט אַרַיין אוּן בֶּעט הוֹיךְ: "דֶער רֶבִּי זָאל וִוינְטְשְׁן פַאר דִי צִיג אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר!" הָאט זִיךְ דֶער צַדִיק אָנְגֶערוּפְן: "יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ, עֶס זָאל זַיין דֶער ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער צִיג זָאל בַּאקוּמֶען דֶעם שֵׁיינֶעם קוֹל פוּנֶעם חַזָן אוּן דֶער חַזָן זָאל בַּאקוּמֶען דִי קוֹל פוּנֶעם צִיג!"

אוּן אַזוֹי אִיז גֶעשֶׁען; דֶער צִיג הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען מִיט אַ שֵׁיינֶעם קוֹל, אוּן דֶער לֵץ, דֶער חַזָן - הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּרוּמֶען: "מֶעע...! מֶעע...! מֶעע...!" אַלֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט פוּן אִים! עֶר אִיז גֶעוָוארְן צוּ שַׁאנְד אוּן צוּ שְׁפָּאט; וואוּ עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "מֶעע...! מֶעע...!" פַארְשְׁטֵייט זִיךְ עֶר אִיז גֶעוָוארְן אוֹיס חַזָן.

פוּן דֶעם זֶעעֶן מִיר אַז מֶען טָאר נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן פוּן אַנְדֶערֶע אוּן זִיכֶער נִישְׁט פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, ווַייל מֶען קֶען בַּאקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע שְׁטְרָאף.

מַאךְ אַ בִּילְד וִוי אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט אוֹיף זַיינֶע הֶענְט אוּן פִיס מִיט אַ אָפֶּענֶע מוֹיל אוּן אַלֶע קִינְדֶער לַאכְן, אוּן פוּן דֶער זַייט שְׁטֵייט אַ דִינְסְט מִיט אַ צִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּט שַׁבָּת אוּן אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## פַארְעֶנְדִיגְן בֵּיידֶע מִקְוָאוֹת אִין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּרָכָה, י״ד תִּשְׁרֵי, עֶרֶב סוּכּוֹת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ בִּיסְט מְשַׁמֵּשׁ דֶעם רֶבִּי׳ן אַזוֹי גֶעטְרֵיי; דָאס וֶועלְן מִיר מִיט נֶעמֶען, דָאס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אוּנְז.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דִי בִּילְדֶער פוּן דִי מִקְוֶה טָהֳרָה פוּן שְׁטֶעטְל וָואס דוּ עֶנְדִיגְסְט יֶעצְט בּוֹיעֶן, ״מִקְוֶה מַלְכָּה״; עֶס אִיז הֶערְלִיךְ שֵׁיין.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן מִיט דִי צְוֵוייטֶע מִקְוֶה טָהֳרָה אִין שְׁטֶעטְל; אִיךְ וִויל שׁוֹין יֶעצְט אָנְהֵייבְּן אוּן שׁוֹין עֶנְדִיגְן.

... נֵרוֹ יָאִיר הָאט גֶעשַׁאפְט אַ נַדְבָן פַאר דִי מִקְוֶה; אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דִי מִקְוֶה וֶועט מִיר קָאסְטְן סַךְ הַכֹּל פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער, הָאט עֶר גֶעשַׁאפְט אַ נַדְבָן פַאר פוּפְצִיג טוֹיזְנְט, יֶעצְט זָאגְסְטוּ מִיר אַז עֶס וֶועט קָאסְטְן הוּנְדֶערְט אוּן צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער - וֶועל אִיךְ אַלֵיינְס שַׁאפְן דִי אִיבְּרִיגֶע גֶעלְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ מְזָרֵז זַיין בַּיי דִי אַרְבֶּעט, אִיךְ וִויל עֶס הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט וָואס שְׁנֶעלֶער.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## נִישְׁטָא וָואס מוֹרָא צוּ הָאבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּרָכָה, י״ד תִּשְׁרֵי, עֶרֶב סוּכּוֹת, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיר פְרֶעגְט, אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז פַארְקִילְט אוֹיבּ מֶען אִיז

צוּזַאמֶען קֶען מֶען אִיבֶּערְכַאפְּן וְכוּ׳; זַיין צוּזַאמֶען אִיז אַ רְפוּאָה פַאר בֵּיידֶע, סַיי פַארְ׳ן מַאן אוּן סַיי פַארְ׳ן וַוייבּ, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם, נִישְׁטָא וָואס מוֹרָא צוּ הָאבְּן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## זִיךְ פָארְנֶעמֶען מֶער צוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַייעֶר מַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר פְרֶעגְט וָואס אִיר זָאלְט זִיךְ פָארְנֶעמֶען לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר; אִיךְ מֵיין אִיר זָאלְט מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַייעֶר מַאן. אַייעֶר מַאן זֶעט אוֹיס אִין שׁוּל ווִי אַ הֵיימְלָאזֶער מַאן, אַלֶע זַיינֶע קְלֵיידֶער זֶענֶען אִים צֶערִיסְן; זַיין בֶּעקִיטְשֶׁע, זַיין טִישׁ בֶּעקִיטְשֶׁע - אִיז אִים צֶערִיסְן, עֶס פֶעלְט אִים קְנֶעפְּלֶעךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳; עֶר וֵוייסְט נִיטְאַמָאל אַז עֶס אִיז אִים צֶערִיסְן, עֶר זֶעט נִישְׁט דִי רִיסְן אוּנְטֶער זַיין אָרֶעם, אִיךְ זִיץ פוּן אוּנְטֶער אִים, אִיךְ זֶע ווִי עֶר זֶעט אוֹיס; אִיךְ ווָאוּנְדֶער זִיךְ אוֹיבּ אִיר זֶעט דָאס נִישְׁט, אָדֶער עֶס גֵייט אַייךְ נִישְׁט אָן.

אַלֶע זוּכְן קַבָּלוֹת, מֶען וֵוייסְט אָבֶער נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; מֶען זוּכְט מִצְוֹת אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ, מֶען נֶעמְט זִיךְ צוּזַאמֶען מַאכְן פֶערְצִיג חַלּוֹת פֶערְצִיג פְרוֹיעֶן פֶערְצִיג טֶעג; אַז אִיר פְרֶעגְט מִיר - זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט מְשׁוּגָע מַאכְן מִיט דִי אַלֶע נֵייעֶ זַאכְן, נֶעמְט אַייךְ פָאר צוּ טוּן וָואס עֶס לִיגְט אוֹיף אַייךְ, גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַייעֶר מַאן עֶר זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן אַזוֹי ווִי מֶען דַארְף; נֵייט אִים צוּ זַיינֶע קְלֵיידֶער, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע קַבָּלָה פַאר דִי נֵייעֶ יָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פְּרוּבִּיר מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ב

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן ד׳ מִינִים, מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועזְן זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ יוֹם טוֹב נָאכְן מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי׳ן; עֶס הָאט אַ טַעַם, עֶס הָאט אַ חַיּוּת, אוּן זִיכֶער וֶוען עֶס קוּמְט שִׂמְחַת תּוֹרָה אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ דִי שִׂמְחָה, דִי טַאנְצְן אוּן דִי זִינְגֶען.

בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה אִיז דִי שִׂמְחָה גֶעוֶועזְן אֵין לַשַּׁעַר, מֶען קֶען דָאס נִישְׁט אָפְּשַׁאצְן; יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַזוֹי גֶעטַאנְצְן, מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁער שִׂמְחָה אַז מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע; אֲפִילוּ דוּ הָאסְט נִישְׁט מִיט וָואס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, בִּיסְט אֵיין שְׁטִיק צֶעבְּרָאכְנְקֵייט, דוּ הָאסְט גָארְנִישְׁט, דוּ לַיידְסְט וְכוּ׳ וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; ווִיסְן, גֶעדֶענְקֶען אוּן חַזֶר׳ן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, עֶר אִיז אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס אוּן עֶר מַאכְט אַלֶעס.

אֵיין עֵצָה אִיז דָא וֶוען מֶען לַיידְט, נָאכְאַמָאל גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִים בֶּעטְן, רֶעדְן מִיט אִים אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים.

הַיינְט נַאכְט וֶועט נִישְׁט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶער שִׁיעוּר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ שַׁבָּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית-מְבָרְכִין הַחוֹדֶשׁ, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ שַׁבָּת - וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס עֲשִׁירוּת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שַׁבָּת קיט.) רֶבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא אִיז גֶעוֶוען אִין דִי שְׁטָאט לוּדְקִיָא אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי מֶען הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט פַאר זַיין בַּעַל אַכְסַנְיָא אַ גָאלְדֶענֶעם טִישׁ, דֶער טִישׁ אִיז גֶעוֶוען גֶעמַאכְט פוּן אַזוֹיפִיל גָאלְד אַז זֶעכְצְן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דָאס גֶעדַארְפְט אוֹיפְהֵייבְּן; אִינֶעם טִישׁ זֶענֶען גֶעוֶוען זֶעכְצְן זִילְבֶּערְנֶע קֵייטְלֶעךְ אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעבִּינְדְן צוּ זֵיי טֶעלֶערְס אוּן גְלֶעזֶער, אוֹיפְ'ן טִישׁ זֶענֶען גֶעוֶוען אַלֶע סָארְט גֶעשְׁמַאקֶע עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען אוּן שְׁמֶעקֶעדִיגֶע בְּשָׂמִים.

וֶוען מֶען הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם טִישׁ הָאט מֶען גֶעזִינְגֶען דֶעם קַאפִּיטְל תְּהִלִּים (תְּהִלִּים כד, א): "לַה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ וְגוֹ'" - אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס, נָאכְן עֶסְן הָאבְּן זֵיי גֶעזִינְגֶען דֶעם קַאפִּיטְל תְּהִלִּים (שָׁם קטו, טז): "הַשָּׁמַיִם שָׁמַיִם לַה' וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי אָדָם"; רֶבִּי חִיָּיא הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט אוּן גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ גוּטֶע זַאךְ הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא רַייכְטוּם?" הָאט יֶענֶער גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אַ קַצָּב (בּוּטְשֶׁער) אוּן וֶוען אִיךְ זֶע אַ שֵׁיינֶע בְּהֵמָה לֵייג אִיךְ דָאס אַוֶועק פַאר מִיר פַאר שַׁבָּת", הָאט אִים רֶבִּי חִיָּיא גֶעזָאגְט: "אַשְׁרֶיךָ שֶׁזָּכִיתָ", ווארִיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם, "וּבָרוּךְ הַמָּקוֹם שֶׁזִּכְּךָ לְכָךְ", אוּן גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶר הָאט דִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען מִיט דֶעם.

עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג, דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מֶען זָאל נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, מֶען זָאל זִיךְ קְרִיגְן; עֶר מַאכְט אִין יֶעדֶע שְׁטוּב מַחֲלֹקֶת אוּן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן מַחֲלֹקֶת.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי וֶוערְטֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין פְרֵיילִיךְ; הֶעלְף מִיר עֶס זָאל מִיר גָארְנִישְׁט שְׁטֶערְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר קַיין

אֵיין רֶגַע״.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת!

...

## רֶעדְן וֵוייךְ אוּן הַארְצִיג צוּם מַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית-מְבָרְכִין הַחוֹדֶשׁ, כ״ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ וִויל אַייךְ זֵייעֶר בֶּעטְן אִיר זָאלְט זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיט אַייעֶר מַאן, אִיר זָאלְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִים.

עֶרְלִיכֶע פְרוּיעֶן, נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת - רֶעדְן וֵוייךְ אוּן הַארְצִיג צוּם מַאן, דֶערִיבֶּער רוּט דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּב, וַוייל דִי שְׁכִינָה רוּט נָאר ווּאוּ מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ; דָארְט ווּאוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ, דָארְט ווּאוּ מֶען בַּייסְט זִיךְ, מֶען הָאט זִיךְ פַּיינְט - דָארְט אִיז דֶער שָׂטָן (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו).

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי דִי לִיכְט עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן אַייךְ.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## אַ קַבָּלָה וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן פוּן דֶעם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן עֶס גֵייט שׁוֹין אַ פְרִישֶׁע סֶדְרָה, עֶס גֵייט שׁוֹין פַּרְשַׁת נֹחַ; אַז מֶען הָאט שֵׂכֶל, מֶען הֵייבְּט אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן אָנְהֵייבּ וָואךְ, מֶען לֶערְנְט אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְ׳ן תַּרְגוּם יֶעדְן טָאג, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער - דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם.

דָאס וִויכְטִיגְקֵייט פוּן לֶערְנֶען יֶעדֶע וָואךְ שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם קֶען

מֶען זֶען פוּן דֶעם וָואס צַדִיקִים הָאבְּן אַזוֹי סַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דֶעם; אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעמָאנְט פוּן זֵייעֶרע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י, דָאס בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם און עֶס בְּרֶענְגְט לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי יָאר מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, הָאסְט גֶעעֶנְדִיגְט פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, הַיינְט אִיז צַייט אָנְצוּהֵייבְּן פַּרְשַׁת נֹחַ.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶר זָאגְט מִיר אַז עֶר הָאט זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶועןְ דִי יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אַז עֶר וֶועט שְׁטֶענְדִיג הַאלְטְן אִין טַאשׁ אַ קְלֵיינֶעם מִשְׁנַיּוֹת. עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר גֶעפָאלְן, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַלֶע סָארְט קַבָּלוֹת פוּן אִינְגֶעלַייט און בָּחוּרִים אָבֶּער דִי קַבָּלָה פוּן הַאלְטְן אִין טַאשׁ אַ קְלֵיינֶעם מִשְׁנַיּוֹת אִיז מִיר דָאס מֶערְסְטֶע גֶעפָאלְן; וַוייל דָאס אִיז אַ קַבָּלָה וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן פוּן דֶעם, בִּיסְט זִיךְ גָארְנִישְׁט מְחַיֵּיב, נֶעמְסְט זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶער קַיין סְכוּם וְוִיפִיל צוּ לֶערְנֶען; פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, אֵיינְמָאל מֶען הָאט דֶעם קְלֵיינֶעם מִשְׁנַיּוֹת אִין טַאשׁ - וֶועט מֶען שׁוֹין לֶערְנֶען און לֶערְנֶען אָן אַ שִׁיעוּר מִשְׁנַיּוֹת.

לֵייג אַרַיין אִין טַאשׁ אַ קְלֵיינֶעם מִשְׁנַיּוֹת - וֶועסְטוּ יֶעדְן טָאג אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי, דוּ קֶענְסְט נָאךְ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, דְרַאפֶּע זִיךְ און דֶערְהַאלְט זִיךְ; בַּאנֵיי זִיךְ, הֵייבּ זִיךְ אוֹיף; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ זִיךְ צוּ צֶעקְלַאפְּן, עֶס אִיז אַ קוּנְץ זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן.

הֶער אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין דִי צַייטְן פוּן רֶבִּי'ן, עֶס אִיז גֶעוֶוען

אַ חָשׁוּבֶ׳עֶר אִיד וָואס הָאט זִיךְ בַּאנוּצְט מִיט קַבָּלָה מַעֲשִׂית; דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ״ל אִיז זֵייעֶר שַׁארְף מֶען זָאל נִישְׁט עוֹסֵק זַיין אִין דֶעם וַוייל מִיר זֶענֶען טְמֵאֵי מֵתִים, מִיר הָאבְּן נִישְׁט הַיינְטִיגֶע צַייטְן דִי אֵפֶר פָּרָה אֲדוּמָה, מִמֵּילָא טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאנוּצְן מִיט דֶעם וַוייל מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין אַ סַכָּנָה (עַיֵּין בְּסֵפֶר שַׁעֲרֵי קְדוּשָּׁה לְרַבִּי חַיִּים וִיטַאל זצ״ל, חֵלֶק ג׳ שַׁעַר ו׳). דֶער אִיד הָאט זִיךְ יָא בַּאנוּצְט מִיט דֶעם, וֶוען חֲסִידִים הָאבְּן דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר זֵייעֶר רֶבִּי הָאט יֶענֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט מֶען זָאל אִים מַאכְן אַ מַשְׁכַּנְתָּא, מֶען זָאל אִים אַרוּם נֶעמֶען מִיט אַ קְלֵייד אוּן אִים גוּט שְׁלָאגְן וְכוּ׳, דִי חֲסִידִים הָאבְּן גֶעפָאלְגְט זֵייעֶר רֶבִּי אוּן דֶער אִיד אִיז מַמָּשׁ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע עַצְבוּת, מֵאִיגְּרָא רָמָא לְבִירָא עֲמִיקְתָּא אוּן עֶר אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ. דִי מִשְׁפָּחָה הָאבְּן נִישְׁט גֶעוּוּיסְט וָואס צוּ טוּן, זֵיי זֶענֶען אַרוּם גֶעלָאפְן צוּ אַלֶע רַבָּנִים, אָבֶער קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם אִיד פוּן זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה, בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״אַ קוּנְץ אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן אַ אִיד? אַ קוּנְץ אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן אַ אִיד״, דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן עֶר הָאט צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת.

דִי וֶוערְטֶער זָאגְט דֶער רֶבִּי פַאר אוּנְז אַלֶע: ״עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ זִיךְ אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן, עֶס אִיז אַ קוּנְץ זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן!״ הֵייבּ זִיךְ אוֹיף, הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי, דוּ קֶענְסְט נָאךְ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק; אוֹיבּ דוּ וֶועסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, דוּ וֶועסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, רֶעדְן אַפָּאר מִינוּט יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין פָּשׁוּטְ׳עֶ שְׁפְּרַאךְ, אוּן זָאגְן תְּהִלִים מִיט מִשְׁנַיוֹת - וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

אִיךְ הָאבּ דִיר נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אָבֶער אִיךְ דַארְף אַרַיינְלוֹיפְן צוּ דִי בָּחוּרִים; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דִי יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַזַא פְרִישְׁקֵייט, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ בִּין זוֹכֶה צוּ זִיצְן מִיט אַזֶעלְכֶע טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים.

בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ הַיינְט נַאכְט אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען צוּ דִי פְרוֹיעֶן שִׁיעוּר.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

### הָאבּ שֵׂכֶל זִיךְ נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אוּנְטֶערְגֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

לָאז נִישְׁט דִי עֲבֵירָה זָאל דִיר אַרָאפְּוַוארְפְן; אַז דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן, הָאסְט עוֹבֵר גֶעוֶוען נָאכְאַמָאל אוֹיף דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - זָאלְסְטוּ יֶעצְט הָאבְּן שֵׂכֶל נִישְׁט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעבְּן אִינְגַאנְצְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תנג): ״אִם הָיִיתִי עוֹבֵר חַס וְשָׁלוֹם עֲבֵרָה גְּדוֹלָה בְּיוֹתֵר״, אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם עוֹבֵר זַיין דִי גְרֶעסְטֶע עֲבֵרָה, ״אַף עַל פִּי כֵן לֹא הָיְתָה הָעֲבֵרָה מַשְׁלֶכֶת אוֹתִי כְּלָל״, וָואלְט דָאס מִיר גָאר נִישְׁט אַרָאפּ גִיוָוארְפְן, ״רַק הָיִיתִי אַחַר הָעֲבֵרָה אִישׁ כָּשֵׁר כְּמוֹ קֹדֶם״, אִיךְ וָואלְט נָאכְדֶעם גְּוֶוען אַזוֹי אֵיין עֶרְלִיכֶער יוּד וִוי פְרִיר, ״רַק אַחַר כָּךְ הָיִיתִי עוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה״, דֶער נָאךְ וָואלְט אִיךְ תְּשׁוּבָה גִיטָאן.

מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת בִּיז מֶען וֶוערְט אַ צַדִיק; דֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָּן ו), אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק (בְּרֵאשִׁית ו, ט); אַז מֶען הָאט סַבְלָנוּת, מֶען אִיז נֹחַ, ׳נֹחַ׳ אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן ׳סַבְלָנוּת׳, דֶעמָאלְט, אִישׁ צַדִּיק - וֶוערְט מֶען אַ צַדִיק.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי וֶועכֶנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, קוּם שֶׁעפְּן פוּנֶעם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, קוּם הֶערְן וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

## לְכָבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ

**"פִּישׁ פַאר שַׁבָּת!!!" פֵּיינֶע פִּישׁ לְכָבוֹד שַׁבָּת!!!"**

דֶער פִּישׁ סוֹחֵר שְׁטֵייט שׁוֹין צְוֵויי טֶעג אִין אַ צִי אִין פִּישׁ סְטָאר, עֶר זֶעצְט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ, זַיינֶע פִּיס טוּט אִים וֵויי, אָבֶּער עֶר שְׁטֵייט אוּן שְׁרֵייט: "פִּישׁ פַאר שַׁבָּת! וֶוער ווִיל קוֹיפְן פֵּיינֶע פִּישׁ לְכָבוֹד שַׁבָּת?" מֶענְטְשְׁן קוֹמֶען אוּן מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אוּן דֶער סוֹחֵר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף זָאגְן: "לְכָבוֹד שַׁבָּת! לְכָבוֹד שַׁבָּת!"




"פִּישׁ לְכָבוֹד שַׁבָּת!"

קִינְדֶער, דִי מַעֲשֶׂה הָאט מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי בּוּנָם פוּן פְּשִׁיסְחָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין מְקַנֵא דִי סוֹחֲרִים וָואס דֶערְמַאנֶען אַ גַאנְצֶע צַייט דִי הֵיילִיגֶע וָוארְט 'שַׁבָּת', זֵיי אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער בִּיז עֶס וֶוערְט דֶער זְמַן, אוּן וֶוען עֶס וֶוערְט שַׁבָּת, וֶוען זֵיי קוּמֶען אַהֵיים אוּן זֵיי עֶסְן דִי פֵיינֶע סְעוּדָה זָאגְן זֵיי 'שְׁכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר שַׁבָּת; אַז מִיר קֶענֶען זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן, מִיר דַארְפְן נִישְׁט אַרְבֶּעטְן'; פוּן דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵייעֶר הֲנָאָה, וַוייל יֶעדֶע מָאל מֶען זָאגְט 'לְכָבוֹד שַׁבָּת' וֶוערְט אַ הֵיילִיגְקֵייט אוֹיפְ'ן

מֶענְטְשׁ״; דֶערִיבֶּער וֶועלְן מִיר אַלֶע קִינְדֶער גֶעדֶענְקֶען וֶוען מֶען עֶסְט דִי פֵיינֶע חַלָּה מִיט דִי פֵיינֶע פִישׁ, זוּפּ אוּן פְלֵייש - גֵייעֶן מִיר אַלֶע זָאגְן הוֹיךְ: ״לְכָבוֹד שַׁבָּת!״

קִינְדֶער, אוֹיבּ מֶען וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען גוּטֶע נַאשׁ וֶועט אִיר גֶעדֶענְקֶען צוּ זָאגְן: ״לְכָבוֹד שַׁבָּת״? אַלֶע קִינְדֶער זָאגְן: ״יָא! אַוַדַאי! מִיר גֵייעֶן זָאגְן ׳לְכָבוֹד שַׁבָּת׳ אוֹיף יֶעדֶע נַאשׁ בַּאזוּנְדֶער״.

״אוֹיבּ אַזוֹי״, זָאגְט דִי טַאטֶע: ״קֶען מֶען שׁוֹין אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי נַאשׁ!״

אַלֶע קִינְדֶער הֵייבְּן אָן זִינְגֶען: ״שַׁבָּת, שַׁבָּת עֶסְט מֶען גוּטֶע נַאשׁ, שַׁבָּת שַׁבָּת לֵיי לְלֵיי לְלֵי, שַׁבָּת אִיז שׁוֹין דָא!״